STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05636

BUKHFIRUNG

M. Evensky

*Permanent preservation of this book was made possible
by Mr. & Mrs. Samuel Perelson
in memory of
Hannah & Paul Perelson*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אַרבייטער-רינג ביבליאָטעק — 22

בוכפירונג

פאַר ברענטשעס פון אַרבייטער-רינג און ענליכע אָרגאַניזאַציעס. (איינפאַך און איטאַליעניש-טאָפּעלטע) מיט פיל אילוסטראַציעס און פאָרמעס.

פון מ. איװענסקי

אַרויסגעגעבן פון דער
נאַציאָנאַלער עדיוקיישאָנאַל קאָמיטע פון אַרבייטער-רינג.

ניו-יאָרק, 1922.

אויב די לעקציעס וועלען באמת ברענגען נוצען די סעקרע־טארען פון ארב. רינג, וועט דאס זיין צו פארדאנקען מיין פריינד נ. פיינערמאן, וואס איז געוועזן דער איניציאטאר פון די לעקציעס. פאר אלע מעגליכע חסרונות טראג איך אליין די פאראנטוואָרטליכקייט.

מיט אכטונג ווערט דער בוך געווידמעט צו דעם איניציאטאר.

מ. איווענסקי.

Copyright by the
Workmen's Circle, 1922.

ALLIED PRINTING TRADES UNION LABEL COUNCIL NEW YORK CITY 393

קליינע פאָררעדע

וועגען דעם צוועק פון לעקציעס

דער צוועק פון די לעקציעס איז צו געבען אן עלעמענטארען קורס וועגען אלגעמיינע בוכפירונג און בפרט ווי אזוי צו פירען די ביכער פון ארבעטער-רינג ברענטשעס אויף א סיסטעמאטישען אופן. יעדער אינטעליגענטער ארבעטער, וואָס איז באקאנט מיט די פיר כללים פון אריפמעטיק, דורכלייענענדיג אויפמערקזאם די בריף, וועט ניט נאָר זיין אימשטאנד צו זיין א גוטער פינאנץ-סעקרעטאר אין זיין ברענטש, נאָר ער וועט טאקי אגב אויך האָבען א באגריף וועגען בוכפירונג בכלל.

עס איז ניטאָ קיין לייכטערע זאך ווי זיך אויסצולערנען בוכ-פירונג. מען דארף נאָר ליב האָבען אָרדענונג און האָבען א ביסעל געדולד. די גאנצע תורה פון בוכפירונג איז אייגענטליך די קונסט צו האלטען די ביכער אין א גוטער אָרדענונג און צו פארשרייבען יעדע זאך אויפ'ן ריכטיגען פלאץ, מיט'ן צוועק צו קענען מאכען א ריכטיגען חשבון צו יעדער צייט, ווען עס איז נייטיג.

צו פארהיטען זיך פון א קראנקהייט איז א סך גרינגער ווי צו היילען די קראנקהייט, ווען זי איז שוין דאָ. צו פארהיטען מיספארשטענדניסען און אומזיסטע חשדים איז פיל גרינגער, ווי זיך ארויסצופלאָנטערען פון די מיספארשטענדניסען, ווען זיי זיינען שוין פאָרגעקומען. עס איז דעריבער די פליכט פון יעדען אייגעם,

וועלכער נעמט זיך אונטער צו זיין א סעקרעטאר, צו פארשטיין די סיסטעם, ווי די ביכער דארפען געפירט ווערען. די בריף קענען אויך ברענגען נוצען צו יעדען אינטעליגענטען ארבעטער פאר זיינע איינענע פריוואטע צוועקען און אויך צו קענען ערפילען ריכטיג זיין שליחות, ווען עס קומט אים אויס צו זיין אין אן אודיטינג קאמיטע.

די בריף וועלען באשטיין פון 12 לעקציעס, וואס וועלען באהאנדלען אלגעמיינע באגריפען. איבערהויפט וועלען זיי אבער האבען אין זינען די בוכפירונג פון ארבעטער־רינג ברענטשעס.

ערשטע לעקציע

וועגען קעש בוך (קאסע בוך)

איינער, וועלכער האט זיך צו דער עלטער דערוואוסט דעם טייטש פון דעם ווארט „פראזע", האט אויסגערופען: „עס איז מערקווירדיג, מיין גאנצען לעבען האב איך גערעדט פּראזע און איך האב דערפון גאר ניט געוואוסט." עס איז דיזעלביגע זאך מיט'ן קעש־בוך. יעדער איינער פון אונז האט צו טאן מיט הכנסה און הוצאה; די מייסטע פון אונז פארשרייבען די הכנסות און הוצאות אין דער אדער יענער פארם. און ווען איינער פארשרייבט די הכנסה אויף איין זייט און די הוצאה אויף דער צווייטער, פירט ער אומבאוואוסטערהייט א קעש־בוך, ניט ערגער ווי דער גרעסטער בוכהאלטער אין א גרויס געשעפט.

קאלומנאר און איינפאכע קעש־ביכער

אין אמעריקע זיינען די קעש־ביכער צעטיילט אין קאלומס; אויך זיינען די איינגעפירטע קעש־ביכער פון ארבעטער־רינג ברענטשעס צעטיילט אין קאלומס. נאר וועגען די קאלומס וועלען מיר רעדען שפעטער. דער עיקר זאך אין א קעש־בוך, צי פון דעם גרעסטען געשעפט, צי פון א קליינעם ברענטש, באשטייט אין דעם, וואס אויף איין זייט ווערט פארשריבען די איננאמע פון קעש (הכנסה) און אויף דער צווייטער זייט — די אויסגאבען (הוצאה). עס מאכט גאר קיין אונטערשיד ניט, צי דער קעש־בוך איז א סענטיגער ביכעלע, אדער א טויזענט זייטיגער גראבער בוך. עס איז דא ווערט אויך צו באמערקען, אז די קאלומס זיינען נאר איינגעפירט אין אמעריקאנער בוכפירונג. אין מייסטע לענדער פון איי־

ראפע באשטייט דער קעש־בוך עד היום בלויז פון צוויי זייטען, און אנדערע אפטיילונגען.

ווי געזאגט, איז דער קעש־בוך א גאנץ איינפאכע זאך. צי ער אנטהאלט קאלומס אדער ניט, צי ער ווערט געפירט אין א גרויסען באנק אדער אין א קליינער גראסערי — דער עיקר איז: אויף איין זייט ווערט פארשריבען די איינגאמע און אויף דער צווייטער זייט ווערען פארשריבען די אויסגאבען.

ביישפיל פון טאג־טעגליכען לעבען

אום צו אילוסטרירען א קעש־בוך אין א קליינעם פארמאט, לאמיר נעמען געוויינליכע חשבונות, וועלכע קומען פאר טאג־טעגליך אין אונזער לעבען.

לאמיר אננעמען, אז איינער וויל פארשרייבען זיין הכנסה און הוצאה אין א ביכעל סיסטעמאטיש. די הכנסה פון אן ארבעטער, מ'שטיינס־געזאגט, באשטייט בלויז פון איין קוואל: שכירות פאר זיין ארבעט. דערפאר האט ער אבער א סך פלעצער, וואו אויסצוגעבען דאס געלט. לאמיר זאגען, אז דעם 28־טען נאוועמבער, 1921, איז ביי איינעם געבליבען $30.25 (דרייסיג דאלער און 25 סענט), דעם זעלבען טאג האט ער אויך אפגענומען שכירות $40.00 (פערציג דאלער — מען רעדט פון פראספעריטי צייטען). דעם 2־טען דעצעמבער האט דערזעלבינער אויך אפגענומען א חוב פון זיין פריינד בערנשטיין — $27.42 (זיבען און צוואנציג דאלער און צוויי און פערציג סענט). פאר דער וואך האט דער באטרעפענדער אויסגעגעבען: דעם 1־טען דעצעמבער $40.00 פאר רענט, דעם 2־טען: $1.20 (א דאלער צוואנציג סענט) פאר עלעקטריק, $1.50 (א דאלער פופציג סענט) פאר גאז, א $1.92 פאר מילך; דעם 6־טען האט ער באצאלט בילס: דעם בוטשער $8.55, דעם בעקער $3.25, דעם גראסעריי־מאן $7.50; $5.10 פאר דיום; עס איז ביי אים אויך אוועק פאר זייטיגע הוצאות $5.00 (פינף דאלער) און קינדער טאשען־געלט $1.20. אויב אט די אלע אייטעמס זאלען פארשריבען ווערען אין דער פארם פון א קעש־בוך, וועט די פארם זיין ווי פאלגט:

CASH ACCOUNT—1921

DEBIT—INCOME					CREDIT—DISBURSEMENTS				
Date		Explanation	Amount		Date		Explanation	Amount	
Nov.	28	Balance	$30	25	Dec.	1	Rent	$40	00
"	28	Wages for week	40	00		2	Electric for month	1	20
Dec.	18	Bernstein, paid	27	42			Gas for month	1	50
							Milk for week	1	92
							Butcher paid	8	55
							Baker paid	3	25
							Grocery paid	7	50
							General expense	5	00
							Pocket money	1	20
							Dues paid in Br.	5	10
							Total expense	75	22
							Balance	22	45
			$97	67				$97	67

כללים ווי צו פירען א קעש־בוך

עס איז זייער וויכטיג, עס זאל פארשריבען ווערען דער דאטום פון יעדען אייטעם, דער טאג, דער מאנאט און דער יאר, אום מען זאל וויסען ווען א געוויסער פארפאל איז פארגעקומען.

קעש־ביכער ווערען געוויינליך געבאלאנסט יעדען מאנאט. (באלאנסירען הייסט מאכעןביידע זייטען גלייך.) ווען מען לייגט צו צו דעם סך־הכל פון דער הוצאה דעם רעשט, באטרעפט די סומע אזוי פיל וויפיל די הכנסה. ארונטעררעכענענדיג די אויס־גאבע פון די איינגאמען, בלייבט די סומע, וואס דארף זיך געפינען אין קאסע. (מיר נעמען אן, אז יעדער סענט, וואס איז אריין אין קאסע, איז פארשריבען אויף דער הכנסה זייט, און יעדער סענט, וואס איז ארוים פון קאסע, איז פארשריבען אויף דער הוצאה זייט פון קעש־בוך.)

ווי אויסצוגעפינען א פעלער, ווען די קאסע שטימט ניט

ווען דאס געלט, וואס עס געפינט זיך אין קאסע, צי עס איז פאראן מער אדער וויניגער, שטימט ניט מיט'ן חשבון, איז א באוויז, אז פעלערען זיינען געמאכט געווארען. אום אויסצוגע־פינען דעם טעות, מוז מען קאלטבלוטיג איבעררעכענען די חשבונות (דעם צוזאמענרעכענען און ארונטערנעמען, דעם חבור מיט'ן חסור), און אויב דאס שטימט, קענען די פאלגענדע פאלען זיין די אור־זאכען פון פעלערען:

אויב עס איז דא איבעריג געלט אין קאסע (לאמיר אננעמען 10 דאלער אין דער רעכענונג, וואס מיר האבען אויבען געמאכט) דאן זיינען מעגליך די פאלגענדע אורזאכען: 1) עס איז ניט פאר־שריבען געווארען א געוויסע איינגאמע; 2) אן אויסגאבע איז פארשריבען געווארען, וואס עס איז ניט געמאכט געווארען; 3) א העלפט פון דער סומע פון די איבעריגע געלט איז פארשריבען געווארען אין אויסגאבען אנשטאט אין איינגאמען. אין אונזער ביישפיל, לאמיר זאגען, אז 5 דאלער, וואס איז פארשריבען גע־ווארען אלס הוצאה, האט נאר געדארפט זיין אויף דער זייט פון הכנסה. דער סך־הכל פון אויסגאבען וועט זיין ניט $75.22, נאר

‎$70.22. ווידער די הכנסה האט געדארפט זיין ניט $97.67, נאר מיט 5 דאלער מער — $102.67. און אז מען נעמט ארונטער $79.22 פון $102.67, איז טאקי דער באלאנס $32.45, און ניט $22.45. און דאס זיינען די 10 דאלער איבעריג געלט, וואס איז דא אין קאסע.

ווען עס פעלט געלט אין קאסע, זיינען די כללים דיזעלביגע, נאר אויף א פארקערטען אופן:

1) עס איז ניט פארשריבען געווארען א געוויסע הוצאה.

2) אן איינגאמע איז פארשריבען געווארען, וועלכע איז קיינמאל ניט געמאכט געווארען.

3) א האלבע סומע פונ׳ם געלט, וואס פעלט, איז פארשריבען געווארען אין איינגאמע, אנשטאט אין אויסגאבען.

קלייניגקייטען צו געדענקען

אין צוזאמענהאנג מיט׳ן קעש־בוך איז וויכטיג צו געדענקען פאלגענדע קלייניגקייטען:

1) הכנסה ווערט פארשריבען אויף איין זייט קעש־בוך און הוצאה אויף דער צווייטער זייט.

2) דער באלאנס איז דער איבערבלייב, ווען מען נעמט ארונטער אויסגאבען פון איינגאמע.

3) דער באלאנס מיט די אויסגאבען דארף באטרעפען פונקט ווי די איינגאמע.

(באלאנס + הוצאה = הכנסה)

4) עס איז אבסאלוט נייטיג צו פארשרייבען דעם דאטום.

5) מיט דיטא־מארקס: " " פארשפארט מען איבערצו׳חזר׳ן די זעלבע ווערטער.

Paid grocery bill
" butcher "

עס זיינען, דאכט זיך, קלייניגקייטען, אבער מען מוז אט די קלייניגקייטען געדענקען.

דעביט און קרעדיט

ווענגען די ווערטער „דעביט" און „קרעדיט" וועט נאָך אויס־קומען פיל צו רעדען. דערווייל איז וויכטיג, צי געדענקען, אז דעביטירען הייסט באַלאַסטען און קרעדיטירען הייסט אַרונטער־נעמען דעם לאַסט. „דעביט" הייסט אויך נעמען און „קרעדיט" הייסט געבען. ווען דער קעש־בוך נעמט, דעביטירט מען אים, און ווען דער קעש־בוך גיט, קרעדיטירט מען אים. קעש איינ־גענומען ווערט פאַרשריבען אויף דער „דעביט" זייט; קעש אויס־געבען — אויף דער „קרעדיט" זייט.

צווייטע לעקציע

אייניגע באגריפען וועגען בוכפירונג

איידער מיר וועלען איבערגיין צו ארבעטער־רינג בוכפירונג, וועט ניט שאדען צו באקענען זיך מיט אייניגע אלגעמיינע פונדא־מענטאלע באגריפען וועגען בוכפירונג. די באגריפען זיינען דער־ריבער פונדאמענטאל, ווייל סיי אין איינפאכער בוכפירונג, סיי אין דאפעלטער בוכפירונג, אפילו אין העכערער אקאונטינג, בלייבען די באגריפען אלע מאל דיזעלביגע.

בוכפירונג הייסט פארשרייבען יעדע זאך אויפ'ן ריכטיגען פלאץ, מיט א געוויסער סיסטעם, אום צו קענען אויסגעפינען א ריכטיגען חשבון.

אמאל פלעגען מענשען קענען א סך מער געדענקען ווי היינט. איצט מוז יעדע זאך פארשריבען ווערען, אז ניט קען דאס פאר־געסען ווערען. נאר עס מוז פארשריבען ווערען אויף אזא אופן, מען זאל קענען דערגיין א טאלק.

דזשוירנאלס און לעדזשערס

אלע ביכער, וואס ווערען געפירט אפילו אין די גרעסטע גע־שעפטען, ווערען געטיילט אין:

1) גרונד־ביכער — דזשוירנאלס — פאר איינשרייבען באלד (Books of original entry).

2) הויפט־ביכער — לעדזשערס — אדער ביכער צו מאכען דעם סך־הכל.

עס זיינען נאך דא פארשידענע הילפס־ביכער: ווי רעסיטס, וואוטשערס און פארשידענע אנדערע סארטען; אבער דער כלל

האלט אלע מאָל אויס, אז אלע ביכער ווערען געטיילט אין צוויי קאטעגאָריען: 1) דזשורנאַלס, 2) לעדזשערס.

דזשורנאַלס

א קעש־בוך איז א דזשורנאַל, וועלכער ווערט אויסשליסליך איצט געברויכט פאר קעש־איינגאַמען און קעש־אויסגאבען.

א דזשורנאַל, אָדער א מעמאָראַנדום־בוך, איז פאר אזעלכע פעלען, וואָס האָבען מיט קעש ניט צו טאָן. יעדער גראָסערי־מאַן באַנוצט זיך מיט א דזשורנאַל, ווען ער פארשרייבט אין א קאָנזעקוטיוו אָרדענונג (קאָנזעקוטיוו מיינט איין נאָך דעם אנדערען) אלע געשעפטס־פּאָרפּאַלען, וועלכע קומען פאָר אין זיין גראָסערי, צי איינער צאָלט קעש, צי איינער נעמט אויף באָרג, אלץ פארשרייבט ער אין איין בוך. וואָלט ער באַנוצט אויך א לעדזשער, אויסצוקלייבען די אייטעמס און זיי קלאַסיפיצירען, וואָלט ער געווען א גאַנצער בוכהאַלטער. די צרה מיט אזעלכע לייט איז, וואָס זיי נוצען קיין לעדזשערס ניט, און אז עס קומט אויס צו מאַכען א חשבון, טאַפּען זיי אין דער פינסטער, לאָזען א סך אייטעמס אויס און שטעלען צו פון קאָפּ אנדערע.

לעדזשערס

א לעדזשער איז א בוך פאר סך־הכל׳ס.

די וויכטיגקייט פון א לעדזשער איז, וואָס ער ווערט צעטיילט אין באזונדערע קאָנטאָס (אקאַונטס). יעדע פּערזאָן, אָדער רעכענונג, האָט א באזונדער קאָנטאָ. פון לעדזשער קען מען אלע מאָל וויסען ווי יעדער רעכענונג שטייט.

פּראַקטישע ביישפּילען

אום צו באגרייפען ווי א רעגעלער סעט ביכער ווערט געפירט, לאָמיר נעמען געוויסע פּאָרפּאַלען און זען ווי די פּאָרפּאַלען ווערען פארשריבען.

לאָמיר אָננעמען, אַז אַ גרופּע מענשען האָבען אַן אונטערנע־מונג פאַר אַ געוויסען וואוילטעטיגען צוועק. אין בוכפירונג איז זייער וויכטיג, אַז קיין זאַך זאָל ניט געהאַלטען ווערען אויפ'ן קאָפּ, נאָר יעדע זאַך דאַרף טאַקי גלייך פאַרשריבען ווערען. דאָס איז, דאַכט זיך, גאַנץ איינפאַך, נאָר פונדעסטוועגען ווערט דאָס ניט אַלע מאָל אָפּגעהיט. עס האָט שוין איינמאָל געטראָפען, אַז אַן אונטערזוכונגס קאָמיטע איז געקומען אונטערזוכען די ביכער פון אַ געוויסען סעקרעטאַר און עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז דער סעקרעטאַר האָט גאָר קיין ביכער ניט געפירט. ער האָט אַלץ גע־געדענקט אויפ'ן קאָפּ. און זייער ריכטיג האָט איינער פון דער אונ־טערזוכונגס קאָמיטע באַמערקט: „מיר זיינען געקומען אונטערזוכען אייערע ביכער, ניט אייער קאָפּ“.

אַלזאָ, מוז דער איינפאַכער אמת גוט גענומען ווערען אין זכרון, אַז יעדער טראַט און יעדער פּאַרפּאַל מוז פאַרשריבען ווערען. און אין דעם פאַל פון דער אונטערנעמונג וועלען מיר יעדען פּאַר־פאַל פאַרשרייבען.

איינער אַ געוויסער גרינבערג באָרגט 100 דאָלער צו קויפען טיקעטס אין אַ טעאַטער פאַר 300 דאָלער. די טיקעטס ווערען פאַרטיילט צווישען 6 פּערזאָן, זיי זאָלען די טיקעטס פאַרקויפען.

ג. ראָזענטאַל נעמט פאַר 75 דאָלער טיקעטס; ס. גרינבערג—פאַר 70 דאָלער; ד. כייקין—פאַר 65 דאָלער; ר. ראָזענבערג—פאַר 60 דאָלער; דוואָרעצקי—פאַר 20 דאָלער און ג. ראָזענבערג—פאַר 10 דאָלער.

ג. ראָזענבערג ווערט אויסגעקליבען אַלס פינאַנץ־סעקרעטאַר און דוואָרעצקי—אַלס טרעזשורער. (עס איז אַבסאָלוט שעדליך, אַז דער סעקרעטאַר און טרעזשורער זאָלען זיין איין און דיזעלבע פּערזאָן.)

די מייסטע טיקעטס זיינען פאַרקויפט געוואָרען. עס זיינען געבליבען ביי כייקין פאַר 10 דאָלער און ביי דוואָרעצקי פאַר 5 דאָלער. די דאָזיגע טיקעטס זיינען צוריקגעקערט געוואָרען.

ראָזענטאַל האָט באַצאָלט 50 דאָלאַר; כייקין—55 ראָזענ־בערג האָט איין מאָל געגעבען 20 דאָלער און איין מאָל 25 (צו־

זאמען 45); דוואָרעצקי—15, און ג. ראָזענבערג—10 דאָלער.
דאָס געלט ווערט איבערגעגעבען צו רעליף סאָסייעטים: צו איינער 100 דאָלער און צו אַן אַנדערער 50 דאָלער. 20 דאָלער ווערט אויסגעגעבען אויף אַ באַנקעט.

ווי ווערען צוזאַמענגעשטעלט די ביכער

איצט ווילען מיר וויסען אַ רעכענונג. אין אונזער פאַל קען מען דאָס אויפרעכענען אויף אַ שטיקעל פּאַפּיר, ווייל מיר האָבען בלויז עטליכע אַקאַונטס; אָבער עס קען דאָך טרעפען, אַז די אַקאַונטס זאָלען זיין אין די הונדערטער. לאָמיר זיך טאַקי מטריח זיין און זען ווי די רעכענונגען דאַרפען זיין פאַרשריבען אין די ביכער. פאַר קעש־אַנגעלעגענהייטען וועלען מיר מאַכען אַ באַזונדער דזשוירנאַל, און אונזערע ביכער וועלען באַשטיין פון: 1) אַ דזשוירנאַל, 2) אַלגעמיינער דזשורינאַל, 3) קעש־בוך, און 4) אַ לעדזשער.

JOURNAL

		Folio				
	Dec. 26, 1921					
	Debit	2	$ 75	00		
	G. Rosenberg, for tickets	1	70	00		
	S. Greenberg " "	2	65	00		
	D. Chaikin " "	4	60	00		
	B. Rosenberg " "	5	20	00		
	Dworetsky " "	6	10	00		
	G. Rosenberg " "				$300	00
	Jan. 6, 1922					
	Credit	5	5	00		
	Dworetsky, Returns	3	10	00		
	Chaikin "				15	00
	Jan. 20, 1922					
	Credit					
	Theatre, Income	9	285	00		
	Cost		100	00		
	Profit		$185	00		

CASH BOOK

Page (1)		INCOME				DISBURSEMENTS				Page (1)	
Date		Explanation	Folio	Amount		Date		Explanation	Folio	Amount	
1921						1921					
Dec.	25	S. Greenberg	1	$100	00	Dec.	26	Theatre tickets	9	$100	00
1922						Jan.	20	Relief war			
Jan.	15	G. Rosenthal	2	50	00			sufferers	7	100	00
	16	D. Chaikin	3	55	00			Relief poor			
	17	R. Rosenberg	4	20	00			family	7	50	00
		Dvorezky	5	15	00			Banquet	8	20	00
		G. Rosenberg	6	10	00			Balance		5	00
	18	R. Rosenberg	4	25	00						
				$275	00					$275	00
		Balance		$5	00						

1		DEBIT							CREDIT			1
				S. Greenberg, 77 Fifth Ave., New York								
1921 Dec.	26	To tickets	J.1	$70	00	1922 Dec.	25	By Loan	c.1	$100	00
		Balance		30	00						
				$100	00					$100	00
								Balance		$30	00

2		DEBIT							CREDIT			2
				G. Rosenthal, 90 Madison Ave.								
1921 Dec.	26	To tickets	J.1	$75	00	1922 Jan.	15	By Cash	c.1	$50	00
								Balance		$25	00
				$75	00					$75	00
		Balance		$25	00						

3 DEBIT — CREDIT 3

D. Chaikin, 14 Broome St.

1921						1922					
Dec.	26	To tickets	J.1	$65	00	Jan.	15	By Cash	c.1	$55	00
								" Returns		10	00
				$65	00					$65	00

4 DEBIT — CREDIT 4

B. Rosenberg, 18 Brook St.

1921						1922					
Dec.	26	To tickets	J.1	$60	00	Jan.	16	By Cash	c.1	$20	00
						"	18	" "	c.1	25	00
								Balance		15	00
				$60	00					$60	00
		Balance		15	00						

5 DEBIT — CREDIT 5

Dworetsky, 70 East 116th St.

1921 Dec.	26	To tickets	J.1	$20	00	1922 Jan.	17	By Cash	c.1	$15	00
								" Returns		5	00
				$20	00					$20	00

6 DEBIT — CREDIT 6

G. Rosenberg

1921 Dec.	26	To tickets	J.1	$10	00	1922 Jan.	17	By Cash	J.1	$10	00

7 RELIEF

1922 Jan.	18	To Cash	c.1	$100	00						
	18	" "	c.1	50	00						

8 **Debit** EXPENSE **Credit** 8

1921 Jan.	18	To Cash	c.1	$20	00						

9 **Debit** THEATRE A/C **Credit** 9

1922 Jan.	18	Cash	c.1	$100	00	1922 Jan.	20	Income	J.2	$285	00
		Profit		185	00						
				$285	00					$285	00

דריטע לעקציע
(פאָרזעצונג פון צווייטער לעקציע)

אינפאָרמאַציע, וואָס מיר קריגען פון די ביכער

ווען מען זאָל זיך גוט אריינטראַכטען אין די ביכער, ווי זיי זיינען צוזאמענגעשטעלט געוואָרען, וועט מען קענען ארויסקריגען אַלע אינפאָרמאַציעס, וואָס איז נייטיג צו וויסען וועגען דער אונטערנעמונג. מען וועט זען, אז די אונטערנעמונג האָט אריינ־געטראָגען $185.00 ריינעם פּראָפיט; דערפון איז אויסגעגעבען געוואָרען $150.00 פאַר רעליף און $20.00 פאַר אַנדערע אויסגאַבען. עס האָט זיך נאָך אָפּגעשטעלט 15 דאָלער פון פּראָפיט. מען זאָל אָבער א קוק טאָן אין קעש־בוך, וועט מען זען, אז עס איז ניט מער דאָ ווי 5 דאָלער און מיר זיינען נאָך שולדיג גרינבערגן 30 דאָלער; אָבער מען דאַרף ניט פארגעסען, אז 40 דאָלער האָבען מיר נאָך חובות; אַלזאָ, וועט טאַקי אויסקומען, אז מיר פאַר־מאָגען נאָך 15 דאָלער. מיר רעכענען די חובות פאַר אַזוי גוט ווי קעש. עס איז טאַקי דערביי זייער וויכטיג צו באַמערקען, אז שוה־כסף (זאַכען וואָס זיינען ווערט געלט), ווערען באַטראַכט ווי געלט און פארמעגען; ניט נאָר סחורה אָדער חפצים, נאָר טאַקי גוטע שולדען ווערען באַטראַכט אַזוי ווי געלט. דער דאָזיגער פּונקט איז זייער וויכטיג און מיר וועלען זיך נאָך אומקערען שפּעטער צו אים.

די וויכטיגקייט פון סיסטעם

מיר ווייסען גאַנץ גוט, אז אַן אַנפאַנגער, ווען ער וועט זיך וועלען פאַנאַנדערקלייבען אין די פאָרמס פון די ביכער, וועט ער זיך אַנשטויסען אָן פיל שוועריגקייטען. עס וועלען אים זיין אומ־

באקאנט איינינע ווערטער און די פארמע פון די רולינגס א. אז. וו. עס וועלען זיך געפינען אזעלכע, וועלכע וועלען פארלירען אין גאנצען דעם געדולד. נא טשטא מניע פיזיקא?" צוליב וואס דארף איך האבען די קונצען?" „א קלייניגקייט, אויפצורעכענען אזוי ווייניג געלט דארף מען גאר האבען א קעש־בוך, א דזשורנאל און א לעדזשער, אין דער צייט ווען מען קען דאס טאן אויף א שטיקעל פאפיר", וועלען אנדערע חכמים מיט גוטע קעפ זאגען. מען דערציילט, אז איינער פון אזא סארט חכמים איז געקומען בעטען אין א געשעפט א שטעלע אלס בוכהאלטער. — „קענט איר בוכפירונג?" האט אים דער בעל־הבית געפרעגט. — „ניין", האט געענטפערט דער קאנדידאט פאר דער בוכפירונג־שטעלע, — „איך האב אבער א גוטען קאפ". — „אויב אזוי, זאגט מיר, וויפיל וואלט באטראפען א מאנטעל, אויף וועלכען עס איז אוועק 4 יארד צו 6 דאלער; 2 און א האלב יארד לייניגג צו $1.68; $1.25 פאר טרימינג; 62 סענט פאר קנעפלאך און 18 דאלער פאר מלאכה־געלט?" האט דער באס געפרעגט. — „וויס איך וואס?" האט דער קאנדידאט געענטפערט: „אזוי ווי איך האב א גוטען קאפ, וואלט איך זיך ניט געבאדערט מיט אזעלכע זאכען, — איך וואלט געגאנגען אין קראם און וואלט געקויפט א פארטיגען מאנטעל..." „נו, אויב איר האט טאקי אזא גוטען קאפ, זאגט מיר, איך בעט אייך, ווי איך קען גיכער פטור ווערען פון אייך", האט דער בעל־הבית געזאגט.

די וואס האבען ווירקליך גוטע קעפ דארפען פארשטיין, אז אויב מען וויים ווי צו באהאנדלען קליינע רעכענונגען סיסטעמא־טיש, קען מען אויך פירען גרויסע רעכענונגען אין א גוטער אר־דענונג. מיר וועלען דעריבער אנאליזירען די אקאונטס, וועלכע זיינען צונויפגעשטעלט געווארען, און לערנען די פרינציפען, וואס זיינען אין זיי פארוויקעלט.

פערזענליכע און זאכליכע אקאונטס

איר וועט באמערקען, אז אין לעדזשער האבען מיר 9 אקאונטס: 6 פון פערזאנען און 3, וועלכע שטעלען מיט זיך קיין פערזאנען

ניט פּאָר. אין אַנדערע ווערטער: מיר האָבען 6 פּערזענליכע און 3 זאַכליכע אַקאונטס.

די צוויי סיסטעמען פון בוכפירונג

ווי באַוואוסט, זיינען דאָ צוויי הויפּט־סיסטעמען אין בוכ־פירונג: איינפאַכע בוכפירונג און דאָפּעלטע, אָדער ווי די צווייטע סיסטעם ווערט אָנגערופען: איטאַליעניש דאָפּעלטע בוכפירונג. געוויינליך זאָגט מען, אז איינפאַכע בוכפירונג האָט צו טאָן בלויז מיט פּערזאָנען און דאָפּעלטע בוכפירונג האָט צו טאָן אי מיט פּערזאָנען, אי מיט זאַכען. עס איז אָבער ניט אין גאַנצען אמת. אין איינפאַכער בוכפירונג קענען אויך זיין זאַכליכע אַקאונטס; עס איז אָבער נייטיג צו פאַרשטיין ווען אַ זאַכליכער אַקאונט ווערט דעביטירט און ווען ער ווערט קרעדיטירט. און דאָ קומען מיר ווידער צו די ווערטער „דעביט" און „קרעדיט".

מיר האָבען שוין פריער דערקלערט די ווערטער, אָבער די ווערטער מוזען גרינדליך פאַרשטאַנען ווערען.

דעביטירען הייסט באַלאַסטיגען פאַר'ן נעמען און קרעדיטירען הייסט ארונטערנעמען דעם לאַסט פאַר'ן געבען. מען דעביטירט אַן אַקאונט, ווען דער אַקאונט נעמט; מען קרעדיטירט אַן אַקאונט, ווען דער אַקאונט גיט.

ווי ווערען די אַקאונטס באַהאַנדעלט

פּערזענליכע אַקאונטס

גרינבערג איז קרעדיטירט מיט די 100 דאָלער, וועלכע ער האָט געליען (געגעבען) און איז דעביטירט מיט די 70 דאָלער טיקעטס, וועלכע ער האָט גענומען. ער האָט געגעבען מיט 30 דאָלער מער ווי ער האָט גענומען און ער האָט דעריבער אַ קרעדיט באַלאַנס.

ראָזענטאַל איז דעביטירט מיט די 75 דאָלער טיקעטס, וועלכע ער האָט גענומען, און איז קרעדיטירט מיט די 50 דאָלער קעש,

וואָס ער האָט געגעבען. ער האָט גענומען מער ווי ער האָט גע־געבען און דעריבער האָט ער אַ דעביט באַלאַנס.

כּייקין איז דעביטירט מיט 65 דאָלער, וואָס ער האָט גענומען, און עס קרעדיטירט מיט די 55 דאָלער קעש, וואָס ער האָט געגעבען און מיט די 10 דאָלער טיקעטס, וועלכע ער האָט צוריקגעגעבען. ער האָט אַזוי פיל געגעבען, וויפיל ער האָט גענומען און זיין אַקאַונט איז באַלאַנסירט, אָן שום איבערבלייב.

די איבעריגע פּערזענליכע אַקאַונטס זיינען אויף דעם זעלבען אופן צוזאַמענגעשטעלט. עס איז דערביי וויכטיג צו באַמערקען, אַז איידער אַ רעכענונג ווערט געשלאָסען, ווערט צוגעשטעלט צו דער קרעדיט־זייט דער דעביט באַלאַנס, אויב אַזעלכער איז פאַראַן, און צו דער דעביט־זייט — דער קרעדיט באַלאַנס. מען איז זיך נוהג צוצושרייבען דעם באַלאַנס מיט רויטע טינט. דער באַלאַנס ווערט צוגעשטעלט פּשוט דערפאַר, כּדי זיך צו איבערצייגען, אַז דאָס צוזאַמענציען איז ריכטיג. אַזוי ווי מען מאַכט, למשל, אין אַריפמעטיק אַ פּראָבע צי אַ חבור אָדער אַ חסור איז ריכטיג. ווען מען נעמט אַרונטער אַ סומע און דערנאָך שטעלט מען די זעלבע סומע צו, דאַרף דאָס געבען די פריערדיגע סומע.

זאַכליכע אַקאַונטס

איצט וועגען די זאַכליכע אַקאַונטס. דער קעש־בוך (דער קעשיר) ווערט דעביטירט מיט די געלדער, וועלכע ער נעמט אַריין, און קרעדיטירט מיט די געלדער, וועלכע ער גיט אויס.

דער רעליף־אַקאַונט, דער ממונה איבער'ן רעליף פאָנד, ווערט דעביטירט מיט די 150 דאָלער, וועלכע ער האָט גענומען.

דער עקספּענס אַקאַונט ווערט דעביטירט מיט די 20 דאָלער, וואָס ער האָט גענומען (עס האָט געקאָסט).

דער טעאַטער אַקאַונט ווערט דעביטירט מיט 100 דאָלער, וועלכע ער האָט גענומען פאַר טיקעטס (טיקעטס האָבען אַזוי פיל געקאָסט), און ווערט קרעדיטירט מיט די 285 דאָלער, וועלכע ער האָט געגעבען (האָט אַריינגעבראַכט). עס בלייבט אַ קרעדיט באַ־לאַנס פון 185 דאָלער, וואָס דער טעאַטער האָט געגעבען מער ווי

ער האָט גענומען. און דאָס באַטראַכטען מיר אַלס פּראָפּיט פון דער אונטערנעמונג.

וועגען דזשורנאַל

איצט אַ פּאָר ווערטער וועגען דזשורנאַל, וואָס איז באַשטימט פאַר פּאַרפּאַלען, וואָס האָבען מיט קעש ניט צו טאָן.

דער דזשורנאַל איז באַשטימט פאַר אַריינשרייבען גלייך אַלע פּאַרפּאַלען, אויסער קעש־אַנגעלעגענהייטען. די אַקאַונטס ווערען דאָרטען אויך דעביטירט, ווען זיי נעמען עפּעס, און ווערען קרע־דיטירט, ווען זיי געבען.

די, וועלכע האָבען גענומען טיקעטס, זיינען דעביטירט, און די, וועלכע האָבען געגעבען צוריק די טיקעטס, זיינען קרעדיטירט.

פון דזשורנאַל ווערען די אַקאַונטס איבערגעטראָגען, אָדער געפּאָוסטעד צום לעדזשער. אַלע דעביט אַקאַונטס — אויף דער דעביט זייט פון לעדזשער און אַלע קרעדיט אַקאַונטס — אויף דער קרעדיט זייט פון לעדזשער.

דער סדר נאַטירליך דאַרף זיין: פאַרשרייבען אין דזשורנאַל אַלע פּאַרפּאַלען, וואָס האָבען מיט קעש ניט צו טאָן, פאַרשרייבען אַלע קעש פּאַרפּאַלען אין קעש־בוך און פון דיביידע ביכער פּאָוסטען אין לעדזשער.

דער דזשורנאַל און דאָפּעלטע בוכפירונג

מען זאָגט, אז עס דאַרפען זיין צוויי פּערזאָנען צו מאַכען אַ געשעפט. אין בוכפירונג זיינען אַלע מאָל דאָ צוויי פּאַרטיעס: איינער אַ נעמער און איינער אַ געבער, אַ דעביטאָר און אַ קרעדי־טאָר, און אויף אָט דעם פּרינציפּ איז געבויט די דאָפּעלטע בוכ־פירונג: איין אַקאַונט ווערט דעביטירט און איין אַקאַונט — קרע־דיטירט. גרינבערג גיט 100 דאָלער, ווערט ער קרעדיטירט. דאָס געלט נעמט דער קעש אַקאַונט (דער קעשיר), און דער קעש אַקאַונט ווערט דעביטירט. עקספּענס האָט גענומען 20 דאָלער און ווערט דעביטירט, קעש האָט געגעבען 20 דאָלער און ווערט קרעדיטירט.

נאָר וועגען דאָפּעלטע בוכפירונג אַן אַנדערש מאָל. דאָס איז דער־ווייל בדרך אגב.

אין גרעסערע געשעפטען זיינען פאַראַן פאַרשידענע דזשויר־נאַלס, אויסער אַן אַלגעמיינעם. עס איז דאָ אַ דזשוירנאַל פאַר קרעדיטאָרען — אַ קויפס־בוך (purchase book); אַ בוך פאַר דעביטאָרען — פאַרקויפס־בוך (sales book), — נאָר פאַר אונז איז דערווייל וויכטיג צו וויסען, אַז אָדער אַן אַקאַונט ווערט דעביטירט אָדער קרעדיטירט אין דזשוירנאַל. אין דאָפּעלטער בוכ־פירונג ווערט צו דער זעלבער צייט אַן אַקאַונט אי דעביטירט, אי קרעדיטירט.

ווי זאַכליכע אַקאַונטס ווערען געטיילט

זאַכליכע אַקאַונטס ווערען געטיילט אין ריעלע און נאָמינעלע אַקאַונטס. אַ ריעלער אַקאַונט איז אַזא, וואָס האָט אין זיך עטוואָס ממשות'דיגעס, די זאַכען וואָס מיר באַזיצען (עסעטס), ווי הייזער, ביכער, קעש, א. אז. וו., אָדער אונזערע שולדען (לייאַבּיליטיס). אַ נאָמינעלער אַקאַונט איז אַן אַקאַונט פון אַ געווין אָדער פאַר־לוסט: איינגאַמע פאַר טיקעטס, עקספּענס א. אז. וו. עס זיינען אויך דאָ כלל אַקאַונטס (קאָנטראָלינג). אַן אַקאַונט פון אונזערע אַלע בעלי חובות, פון אַלע מיטגלידער פון אַ פאַראיין זיינען כלל אָדער קאָנטראָלינג אַקאַונטס.

לעדזשערס

פון די ביכער, וואָס זיינען באַשטימט פאַר באַלדיגע איינ־שרייבונגען (ביכער פון ארידזשינעל ענטרי) ווערען אַלע פאַרפאַלען איבערטראָגען אין לעדזשערס. אַ לעדזשער אַנטהאַלט אי פּערזענ־ליכע, אי זאַכליכע אַקאַונטס. אַן אַלגעמיינער לעדזשער אַנטהאַלט אין מאָדערנער בוכפירונג בלויז זאַכליכע אָדער כלל אַקאַונטס. אַלע אַקאַונטס פון לעדזשער ווערען אַראָפּגענומען אויף אַ באַזונדער בויגען, „פּרוף באַלאַנס“, און פון אָט דעם בויגען ווערען פאַרפאַר־טיגט פינאַנציעלע סטייטמענטס.

פינאַנציעלע סטייטמענטס

ווען מיר זאָלען וועלען אונזער גאַנצע אינפאָרמאַציע, וואָס מיר האָבען, אַרויסקריגען פון די ביכער, פאַרלאַנגען אַ סטייטמענט, וואָלט די פאָרם געווען ווי פאָלגט:

INCOME STATEMENT

Income from tickets	$285.00
Cost	100.00
Income from operation	$185.00
Expense	20.00
Net profit	165.00
Paid to relief societies	150.00
Balance	15.00

BALANCE SHEET

Assets

זאַכען וואָס מיר באַזיצען

Cash	$ 5.00
Rosenthal	25.00
Rosenberg	15.00
	$45.00

Liabilities

שולדען

Greenberg	$30.00
Net capital	15.00
	$45.00

עסעטס און לייאבּיליטיס

עסעטס (אקטיווא) מיינט זאכען אָדער ווערטען (values) וואָס מיר האָבען אין אונזער רשות, ווי געלט, מעבעל, גוטע שולדען אָדער וועקסלען, וואָס מיר דאַרפען איינמאָנען, און אזוי ווייטער.

לייאבּיליטיעס (פּאסיווא) מיינט שולדען אָדער וועקסלען, וואָס מיר דאַרפען באצאָלען.

אז מען נעמט ארונטער לייאבּיליטיס פון עסעטס, בלייבט אונז דער נעט קאַפּיטאַל. לייאבּיליטיס מיט קאַפּיטאַל באטרעפט וויפיל (איז גלייך ==) עסעטעס.

דאָס ביסעל אלגעמיינע באגריפען וועגען בוכפירונג וועלען אונז העלפען בעסער צו פארשטיין די בוכפירונג פון ארבעטער־רינג ברענטשעס און פון ענליכע אינסטיטוציעס.

פערטע לעקציע

רוטינע פון ארבעטער־רינג בוכפירונג

איצט וועלען מיר אביסעל איבעררייסען וועגען אלגעמיינע בוכפירונג און מיר וועלען באהאנדלען די בוכפירונג אין ארבעטער־רינג ברענטשעס.

עס מוז דערביי באמערקט ווערען, אז פון דער בוכפירונג אין ברענטשעס קריגט מען אויך מער ידיעות וועגען בוכפירונג בכלל. דער, וואס פארשטייט צו פירען א קאלומנאר קעש־בוך אין א ברענטש און קען דאס אויך אנאליזירען, פארשטייט אויך צו פירען אזא קעש־בוך אין אירגענד וועלכער געשעפטליכער אונטער־נעמונג; מען מוז אבער מודה זיין, אז די בוכפירונג אין די ברענטשעס איז א ספעציעלע זאך און האט זיינע אייגענע כללים, יעדענפאלס וועלען מיר אנווייזען ווי ברענטש בוכפירונג אונטער־שיידט זיך פון אלגעמיינער בוכפירונג.

ארגאניזירונג פון פינאנסען

סעקרעטאר און טרעזשורער

דא איז דער פלאץ אויך צו באשפרעכען פליכטען פון א סעק־רעטאר און ווי דארפען די פינאנסען אין די ברענטשעס ארגא־ניזירט ווערען.

די אויפזיכט איבער די פינאנסען דארף האבען אייגער, אדער עטליכע טראסטיעס. עס דארף אומבאדינגט זיין אויך א טרע־זשורער, וועלכער דארף שטיין אין דירעקטער פארבינדונג מיט'ן סעקרעטאר.

אויף יעדען סענט, וואס דער סעקרעטאר דערהאלט, מוז ער

ארויסגעבען א רעסיט, צי דאָס געלט ווערט דערהאַלטען פון מיט־גלידער פאַר דיוס, צי א נדבה פאַר איר־גענד וועלכען צוועק, אָדער אפילו פאַר געלדער, וואָס זיינען באַשטימט פאַר אַנדערע אָרגאַניזאַציעס.

אויף יעדען סענט, וואָס א סעקרעטאַר צאָלט אויס, דאַרף ער האָבען אַן אויטאָריזירטען וואַוטשער (די אויסגאַבע מוז ווערען באַשטימט פון ברענטש און עס מוז געצייגט ווערען אויך אַז די אויסגאַבע איז ווירקליך געמאַכט געוואָרען.)

וואו עס איז נאָר מעגליך, דאַרף געעפענט ווערען א טשעק־אַקאונט. עס איז ראַטזאַם, אַז די טשעקס זאָלען אונטערגעשריבען ווערען פון א טראָסטי און פון טרעזשורער.

צום ענד פון יעדען מיטינג דאַרף דער סעקרעטאַר איבער־געבען דאָס גאַנצע געלט, וואָס עס איז קאָלעקטירט געוואָרען, צום טרעזשורער און נעמט ביי אים ארויס א רעסיט.

ווען עס איז דאָ א טשעק־אַקאונט, דאַרף יעדער סענט, וואָס איז קאָלעקטירט געוואָרען, דעפּאָנירט ווערען אין דער באַנק.

די דעפּאַזיטס אין באַנק־בוך, אָדער אין באַנק־סטייטמענט, דאַרפען שטימען מיט די רעסיטס, וועלכע דער סעקרעטאַר האָט פון טרעזשורער.

עס איז זייער וויכטיג, אַז געלט זאָל דעפּאָנירט ווערען נאָר פון טרעזשורער. פאַר יעדען רעסיט, וואָס דער סעקרעטאַר נעמט ארויס פון טרעזשורער, נעמט ער פון זיך אַרונטער די פאַראַנט־וואָרטליכקייט, און די פאַראַנטוואָרטליכקייט גייט אריבער אויפ'ן טרעזשורער.

א רעסיט פון טרעזשורער דאַרף געהיט ווערען פונקט ווי געלט. עס איז נייטיג פאַר זיי צו האָבען אביינדער (טאָוולען, אין וועלכע פּאַפּירען ווערען געהאַלטען). די בעסטע זאַך איז צו האָבען א באַזונדער בוך.

די געלדער, וועלכע דער טרעזשורער דערהאַלט, מוזען דע־פּאָנירט ווערען אין באַנק.

סיי דער טרעזשורער, סיי דער סעקרעטאַר, מוזען שטיין אונ־טער באָנדס.

יעדע אויסגאַבע דאַרף געמאַכט ווערן דורך אַ טשעק. אין יעדען באַנק קען מען קריגען וואוטשער טשעקס, ד. ה. אויף אַ טייל פון טשעק איז דאָ אַ וואוטשער, אויפוועלכען מען קען פאַרשרייבען פאַרוואָס דער טשעקאיז אַרויסגעגעבען געוואָרען.

אַ פאָרם פון אַ וואוטשער טשעק:

(עס ווערט אויסגעמאַכט אַ רעגולער טשעק, און אַ באַזונדער פּלאַץ איז דאָ צו פאַרשרייבען, פאַר וואָס דער טשעק איז אַרויס־געגעבען געוואָרען.)

עקספּענס טשעק

פאַר קליינע אויסגאַבען נעמט דער סעקרעטאַר אַרויס אַ טשעק פאַר אַ געוויסער סומע, און ווען די סומע גייט אויס, נעמט ער אַרויס נאָך אַזאַ טשעק. פאַר דער קלענסטער סומע מוז געהאַלטען ווערען אַ וואוטשער.

ווען עס איז ניטאָ קיין טשעק אַקאַונט

אויב אין אַ פאַרוואַרפענעם ווינקעל קען קיין טשעק אַקאַונט ניט געהאַלטען ווערען אַ(זעלבע פּלעצער זיינען ווייניג דאָ אין אַמע־ריקע), דאַרף דער טרעזשורער זיין דער באַנקיר. דער טרעזשורער נעמט צו דאָס גאַנצע געלט און ער גיט דערפאַר אַרויס אַ רעסיט. דער טרעזשורער איז פאַראַנטוואָרטליך פאַר די אַריינגענומענע געלט לויט די רעסיטס. דער טרעזשורער צאָלט אויס די געלט ווידער אויף רעסיטס, וועלכע ער באַקומט. פאַר יעדען רעסיט, וואָס ער גיט אַרויס, פאַרגרעסערט זיך זיין פאַראַנטוואָרטליכקייט; פאַר יעדען רעסיט, וואָס ער נעמט, פאַרקלענערט זיך זיין פאַר־אַנטוואָרטליכקייט.

ביכער און פאָרמס

פאָרמס פון רעסיטס און וואוטשערס זיינען דאָ פאַרטיגע אין גענעראַל־אָפיס פון אַרבעטער־רינג. עס איז אַבסאָלוט נייטיג, אַז

יעדער רעסיט זאָל לאָזען אַ קאָפּיע אין בוך דורך קארבאָן־פּאַפּיר. אַ וואוטשער איז יעדער באַווייז פאַר אַן אויסגאַבע; דערביי דאַרף אַ וואוטשער צייגען, אַז די אויסגאַבע איז אויטאָריזירט געוואָרען פון ברענטש.

אויסער פאַרשידענע רעפּאָרט־ביכער, זיינען פאָלגענדע ביכער נייטיג אין אַ ברענטש.

1) רעסיט־ביכער, וועלכע האָבען קאָנסעקוטיוו נומערען (איין נומער נאָך דעם אַנדערען). די רעסיטס דאַרפען זיין אַזוי איינ־געאָרדענט, אַז זיי זאָלען זיך קענען גרינג אָפּרייסען און אַ קאָפּיע זאָל פאַרבלייבען אין בוך.

2) אַ קעש־בוך, פאַר איינגאַמע און אויסגאַבען פון געלט.

3) אַ לעדזשער, אָדער אַ בוך, וואָס אַנטהאַלט די רעכענונגען און די רעקאָרדס פון יעדען מיטגליד באַזונדער.

אויסער די דאָזיגע נייטיגע ביכער, איז ראַטזאַם צו האָבען אַ דזשורנאַל, אין וועלכען עס זאָלען איינגעטראָגען ווערען אַלע פאַר־פאַלען, וואָס קומען פאָר אין ברענטש, ווי אונטערנעמונגען א. א. וו., און אויך אַן אַלגעמיינעם לעדזשער, פאַר האַלטען די סך־הכל׳ס פון זאַכליכע אַקאונטס, ווי איין אַקאונט פאַר ברענטש־אַדמיניסטריי־שאָן, איין אַקאונט פאַר שטיצע, איין אַקאונט פאַר אונטערנעמונ־גען, איין אַקאומט מיט׳ן גענעראַל־אָפּיס, איין אַקאונט מיט׳ן סע־מעטערי דעפּאַרטמענט, איין אַקאונט פאַר רעליף א. א. וו.

די איבעריגע רעקאָרדס, ווי צום ביישפּיל וועגען נייע, עקס־פּעלטע און רעאינסטייטעטע מיטגלידער, אָדער רעקאָרדס וועגען באַאמטע א. א. וו., זיינען בלויז זייטיגע רעקאָרדס און קענען אַלס ביכער ניט באַטראַכט ווערען. אָבער עס מוז דערויף אויפמערקזאַם געמאַכט ווערען, אַז זיי זיינען אַזוי נייטיג ווי אַנדערע ביכער.

ביכער פאַר ספּעציעלע פאָנדס

אין די מייסטע ברענטשעס זיינען דאָ, אויסער די פאָנדס פון ברענטש, אַנדערע פאָנדס; ווי אַ לאָאָן פאָנד, אַ לייבאָר־לייי־סעאום, אַ ביבליאָטעק, א. א. וו. עס איז ראַטזאַם, אַז פאַר אַזעלכע זייטיגע אינסטיטוציעס זאָלען זיין ספּעציעלע באַאמטע: אַ ספּע־

ציעלער סעקרעטאר, א ספעציעלר טרזשורער און ספעציעלע טראַס־טים. א סעקרעטאר, וואָס קען נעמען טשאַרדזש איבער זייטיגע פאַנדס און זיי ניט מישען מיט די ברענטש פאַנדס, דארף זיין א זייער געניטער בוכפירער. יעדענפאלס דארפען זייטיגע אונ־טערנעמונגען זיין ספעציעלע ביכער.

ביכער פאר יעדער זייטיגער אונטערנעמונג באשטייען אויך פון (1) דזשורנאלס (פאר פארשידענע פאַרפאַלען), (2) א קעש־בוך (פאר קעש איננאמע און אויסגאבען) און (3) לעדזשערס פאר האלטען די רעכענונגען סיסטעמאַטיש.

די פאָרמען פון די ביכער קענען זיין פארשידען, לויט די ספעציעלע באדערפענישען פון יעדער אונטערנעמונג באזונדער. נאָר ווי די פאָרמס זאָלען ניט זיין, איז דער עיקר פון פרינציפאלס פון בוכפירונג דיזעלבע.

איצט וועלען מיר באהאנדלען די רוטיגע ארבעט פון ברענטש בוכפירונג.

פינאנץ לעקציע

דער קעש־בוך פאַר ארבעטער־רינג ברענטשעס

דער קעש־בוך, וואָס איז איינגעפירט אין גענעראַל־אָפיס פון ארבעטער־רינג, פאַר די ברענטשעס, צעטיילט זיך אין פארשידענע קאָלומס.

עס איז אויף דער דעביט זייט (הכנסה זייט) פון קעש־בוך 8 קאָלומס און אויף דער קרעדיט זייט (הוצאה זייט) 9 קאָלומס; און דאָ קומען מיר צו אַ קאָלומנאַר קעש־בוך, וועלכער ווערט פּראַקטיצירט אין יעדער אַמעריקאַנער געשעפטס־אונטערנעמונג.

איינגאַמע און אויסגאַבען

אַ קאָלומנאַר קעש־בוך, אייגענטליך, איז געבויט אויפ'ן זעל־ביגען פּרינציפּ, ווי אַ איינפאַכער קעש־בוך. אויף איין זייט זיינען די איינגאַמען און אויף דער אַנדער זייט — די אויסגאַבען; אָבער די איינגאַמען, אַזוי גוט ווי די אויסגאַבען, באַשטייען פון פאַר־שידענע טיילען. ווען מען באַצאָלט אַ חוב, איז דאָס אויך אַן אויסגאַבע, אָבער דאָס קען ניט גערופען ווערען קיין עקספּענס; עקספּענס מיינט אַן אויסגאַבע, וואָס איז אַ פאַרלוסט פאַר'ן גע־שעפט. ווען מען גיט אייך צו האַלטען פאַר אַ קורצער צייט געלט, ווערט דאָס געלט אויך פאַרשריבען אין קעש איינגאַמע, אָבער אַזעלכע געלדער זיינען ניט קיין איינגאַמען פאַר דעם געשעפט. אויסער דעם, זיינען דאָ פאַרשידענע אויסגאַבען און פאַרשידענע איינגאַמען. אין די ברענטשעס פון ארבעטער־רינג, למשל, נעמט מען איין געלט פון מיטגלידער פאַר אַסעסמענטס, פאַר אונטער־נעמונגען, מיטגלידער באַצאָלען חובות, וועלכע געהערען צום לאָאַן־פאָנד. ווייטער זיינען פאַראַן אַנדערע אויסגאַבען. געלט ווערט

געצאָלט, צום ביישפּיל, צו מיטגלידער פאר קראנקען־בענעפיט און פאר אזעלכע געלט קריגט מען קרעדיט אין גענעראל־אָפּיס; אויך צאָלט מען געלט פאר פּאָסטעדזש, רענט א. אז. וו., פאר וועלכע מען קריגט קיין קרעדיט ניט.

אינפאָרמאציע וועגען איינצעלהייטען

יעדער איינער וועט צוגעבען, אז ווען איינער זאָגט, אז די איינגאמע איז געווען למשל 800.00$ און די אויסגאבען זיינען געווען 600.00$, איז די אינפאָרמאציע ניט גענוג. מען וויל וויסען פאר וואָס די געלט איז איינגענומען געוואָרען און אויף וועלכע צוועקען דאָס געלט איז אויסגעגעבען געוואָרען.

פון א קעש־בוך, וואָס האָט בלויז צוויי זייטען, ווען איר ווילט ארויסנעמען אלע איינצעלהייטען, דארפט איר אויסקלייבען אייטעם פאר אייטעם, ביז וואנען איר קריגט דעם ריכטיגען חשבון, און עס מאכט פיל שוועריגקייטען. דעריבער מוז מען זאָגען, אז די קאָלומנאר קעש־ביכער, וואו יעדע איינצעלהייט ווערט פאר־שריבען גלייך אין א באזונדער קאָלום, זיינען זייער פּראקטיש, ווייל מען קען ארויסקריגען פון זיי דעם ריכטיגען חשבון, צוזא־מענציענדיג די קאָלומס אין געוויסע פּעריאָדען.

די קאָלומס

איצט וועלען מיר באטראכטען יעדען קאָלום אין קעש־בוך באזונדער.

סיי אויף דער דעביט זייט, סיי אויף דער קרעדיט זייט, גע־פינט איר דעם לעצטען קאָלום, וואָס הייסט „טאָטאל". מייסטע סעקרעטארען אין ארבעטער־רינג ברענטשעס באנוצען דעם קאָלום צו מאכען סך־הכל'ס. פריער פארשרייבען זיי יעדען אייטעם אין דעם פּאסענדען קאָלום און דערנאָך מאכען זיי פון אלע קאָלומס א סך־הכל און פארשרייבען דאָס אין לעצטען קאָלום, וואָס הייסט „טאָטאל".

עס איז נאטירליך ניטאָ אין בוכפירונג קיין זאך „הלכה למשה

מסיני". יעדער באגייט זיך ווי עס איז אים באקוועם; אבער מען מוז זאגען, אז אזא פראצעדורע איז ניט פראקטיש און מען מוז אויך מודה זיין, אז עס איז א חסרון, וואס דער קאלום „טאטאל" איז דער לעצטער און וואס עס הייסט גאר „טאטאל". אזא קאלום האט געדארפט הייסען „נעט קעש" און זיין דער ערשטער, ווי עס פירט זיך אין אלע אמעריקאנער געשעפטען.

נאר ווי דער סדר זאל ניט זיין, איז זייער ראטזאם, אז יעדער אייטעם, איינער נאך דעם אנדערען, זאל פארשריבען ווערען אין לעצטען קאלום און דערנאך זאלען די אייטעמס פארטיילט ווערען אין די פאסענדע קאלומס.

דעביט זייט פון קעש-בוך

אויף דער דעביט זייט פון קעש-בוך (איינגאמע זייט) איז דא צוערשט א קאלום פאר'ן דאטום, וועלכער נייטיגט זיך ניט אין קיין דערקלערונגען, דער נאמען פון פערזאן, ווער עס גיט דאס געלט, א רובריק פאר'ן לעדזשער נומער, אין וועלכען עס ווערט פארשריבען דער נומער פון אקאונט פון דער באטרעפענדער פערזאן, א רובריק פאר'ן רעסיט נומער, וואס דער סעקרעטאר גיט ארויס, און נאכהער פאנגען זיך אן די קעש קאלומס.

אין דעם קאלום "Dues and assessments" ווערען פארשריבען די געלדער, וועלכע מיטגלידער צאלען איין לויט זייערע בילס.

אין קאלום "initiation fee" ווערט פארשריבען דאס געלט פאר פארשלאגס-געלט, וואס געהערט צום ברענטש.

אין קאלום "Entrance fee", ווערט אריינגעשריבען דאס געלט, וואס יעדער נייער מיטגליד צאלט איין. דאס געלט ווערט איבערגעשיקט אין גענעראל-אפיס.

Entertainments איז פאר געלדער פון אונטערנעמונגען.

Cash from General Office מאנכמאל קריגט דער ברענטש געלט פון אפיס פאר קראנקען-בענעפיט אדער דאס גלייכען. אזעל-

כע סומען דארפען איינגעשריבען ווערען אין דעם דאָזיגען קאָלום.

דער דאָזיגער קאָלום Loans and exchanges איז באַשטימט פאַר חובות, וואָס מיטגלידער באַצאָלען צום ברענטש, וואָס זיי האָבען פריער געליען, צי פון דער אַלגעמיינער קאַסע, צי פון לאָאן פאָנד; און די געלדער פון לאָאן פאָנד ווערען צוזאַמען גע־האַלטען מיט די געלדער פון ברענטש.

דער קאָלום "Sundries" איז פאַר אַזעלכע פאַלען, וואָס קומען פאָר ניט רעגעלמעסיג, ווי צום ביישפּיל: געלדער, וועלכע זיינען באַשטימט פאַר א רעליף; געלט, וואָס א מיטגליד לייט דעם ברענטש; אינטערעסט, וואָס מען קריגט, און א. וו. דער קאָלום מוז אַנאַליזירט (פאַנאַנדערגעגלידערט) ווערען, ווען מען מאַכט א פינאַנציעלען סטייטמענט.

ווען דער קאָלום „טאָטאַל" איז באַנוצט געוואָרען פאַר יעדען אייטעם באַזונדער, דאַרפען אַלע קאָלומס צוזאַמענגענומען שטימען מיט דעם דאָזיגען קאָלום. (אויף אַזא אופן קען מען זיך איבער־צייגען, אַז דער חבור איז ריכטיג.

קרעדיט זייט פון קעש־בוך

די אויסגאַבע זייט פאַנגט זיך אויך אָן מיט'ן דאַטום, מיט נאָמען, צו וועמען דאָס געלט איז אויסגעצאָלט געוואָרען. א פּלאַץ צו פאַרשרייבען דעם נומער פון טשעק און פון וואַוטשער. אויך א נומער פון דזשענעראַל לעדזשער, וואו די סך־הכל'ס פון אַלע אַקאַונטס קענען אריינגעטראָגען ווערען.

דער קאָלום "Gneral Office" איז פאַר די געלדער, וואָס עס קומט דעם גענעראַל־אָפיס פאַר אַסעסמענטס. אַזוי ווי עס איז ניטה קיין באַזונדער קאָלום פאַר דעם סעמעטערי דעפּאַרטמענט, ווערען די געלדער, וועלכע ווערען געשיקט אין סעמעטערי דעפּאַרט־מענט, אויך אריינגעטראָגען אין יענעם קאָלום.

General Office for new members ווערט באַנוצט פאַר די געלדער, וואָס ווערען געשיקט אין אָפיס פאַר נייע מיטגלידער.

פון אָט דעם קאָלום קען מען וויסען וויפיל נייע מיטגלידער עס זיינען אריינגעקומען אין ברענטש פאר א געוויסער צייט. מען דארף בלויז צעטיילען די מיטגלידער לויט די קלאסען.

פאר קראנקען־בענעפיט זיינען דא צוויי קאָלומס: איינער פאר דעם געלט, פאר וועלכען דער גענעראל־אָפיס גיט קרעדיט, און דער צווייטער קאָלום פאר לאָקאלע בענעפיטס.

דער קאָלום "Branch Administration" ווערט באנוצט פאר די געלדער, וועלכע ווערען אויסגעגעבען פאר דער פארוואל־טונג פון ברענטש, ווי סאלארים, רענט, סטיישענערי, פּאָסטיידזש א. א. וו.

דער קאָלום "Aid" איז פאר פארשידענע שטיצעס.

דער קאָלום "Loans and Exchanges" איז באשטימט פאר אזעלכע געלדער, וועלכע ווערען געגעבען צו איינעם פאר א גע־וויסער צייט אלס הלואה.

Sundries איז, אזוי ווי אין קעש דעביט, באשטימט פאר אויסצאָלונגען, וועלכע קומען ניט פאר רעגעלמעסיג.

אויך אזוי ווי אין דעביט, דארף דער קאָלום „טאָטאל" שטימען מיט אלע קאָלומס צוזאמענגענומען.

אויב דער קעש־בוך ווערט געפירט לויט די כללים, וועלכע זיינען אָנגעצייגט געוואָרען, דארף ניט זיין שווער צו מאכען א ריכטיגען סטייטמענט מיט אלע איינצעלהייטען.

קעש אנאליסים

עס זיינען נאטירליך דא קאָלומס, וועלכע דארפען נאָך מער פאנאנדערגעגלידערט (אנאליזירט) ווערען. די קאָלומס „סאַנדרים", אי אין קעש איינגאמע, אין אין קעש אויסגאבען, אנטהאלטען פארשידענע אייטעמס, און אום צו קריגען איינצעלהייטען, דארף דער קאָלום אנאליזירט ווערען. דער קאָלום "Aid" דארף אויך צעטיילט ווערען: אויף שטיצע צו מיטגלידער, שטיצע צו פאר־איינען, יוניאָנס א. א. וו. דער קאָלום „ברענטש אדמיניסטריישאָן" דארף צעטיילט ווערען אויף די אייטעמס: פּאָסטעדזש, רענט, סא־

לארים א. אַ. וו. פאַר אַט דעם צוועק איז דאָ אַם ענדע פון יעדען קעש־בוך אַ „קעש אַנאַליסיס“, און עס איז ראַטזאַם פאַר יעדען סעקרעטאַר צו באַנוצען דעם „קעש אַנאַליסיס“ צו יעדען מיטינג. ווען דער אַנאַליסיס ווערט באַנוצט, קענען די קלענסטע איינצעל־הייטען אָנגעגעבען ווערען אין די סטייטמענטס. אַזעלכע איינצעל־הייטען זיינען זייער וויכטיג פאַר דער אינפאָרמאַציע פון יעדען מיטגליד.

זעקסטע לעקציע

וועגען ארבעטער־רינג לעדזשער (מעמבערשיפ לעדזשער)

עס איז א כלל אין בוכפירונג, פון וועלכען מיר האָבען שוין גערעדט, אז פאָר דירעקטע איינשרייבונגען (Original Entries) זיינען באַשטימט די פאַרשידענע דזשוירנאַלס, ווי דער קעש דזשויר־נאַל, דער קויפס־דזשוירנאַל, דער פארקויף דזשוירנאַל, דער אַל־געמיינער דזשוירנאַל א. א. וו. די לעדזשערס זיינען ביכער פון סך־הכל׳ס (Summary Books), אין וועלכע עס ווערען איבער־געטראָגען (געפּאָוסטעד) אלע פאָרפאַלען פון פאַרשידענע צייטען, וואָס זיינען פאַנאַנדערגעוואָרפענערהייט פארשריבען אין פאַרשי־דענע ביכער. אין א לעדזשער ווערען קיין דירעקטע איינשריי־בונגען ניט געמאַכט. אין אָט דעם זין קען דער מעמבערשיפּ לע־דזשער פון די ארבעטער־רינג ברענטשעס, וואו עס ווערען געמאַכט איינשרייבונגען דירעקט, אלס ריכטיגער לעדזשער ניט באַטראַכט ווערען. ער איז א קאָמבינאַציע פון א לעדזשער (עס ווערען אין אים געמאַכט איבערטראָגונגען פון קעש־בוך), א דזשוירנאַל און א רעקאָרד בוך.

אין ארבעטער־רינג לעדזשער ווערט געפּאָוסטעד פון קעש־בוך, די טשאַרדזשעס ווערען אָבער געוויינליך געמאַכט אין אים דירעקט. אויך אַנטהאַלט דער לעדזשער, אויב אפילו נייטיגע, נאָר אַזעלכע רעקאָרדס, וואָס האָבען מיט געלט־אַנגעלעגענהייטען ניט צו טאָן. עס זיינען דאָ רעקאָרדס וועגען דער באַשעפטיגונג פון א באַטרעפענדען מיטגליד, וועגען זיין פאַמיליען־אַנגעלעגענהייט אין דער צייט וואָס ער איז אריין אין ארבעטער־רינג, און אויך אַזעלכע אינפאָרמאַציעס, וואָס זיינען וויכטיג פאַר סטאַטיסטישע צוועקען און האָבען אָבער מיט פינאַנסען ניט צו טאָן.

עס איז אמת, אז אויך אין די ברענטשעס האָבען געקענט

איינגעפירט ווערען דזשוירנאלס פאר טשארדזשעס, לויט די כללים פון דאפעלטער בוכפירונג און דער לעדזשער האט געקענט באנוצט ווערען צו מאכען אין אים פאוסטינגס (איבערטראגונגען). אין געוויסע פאלען זיינען דזשוירנאלס אומבאדינגט נייטיג, אבער די ארבעטער־רינג לעדזשערס זיינען צוגעפאסט צו די באדערפעגישען פון אונזערע ברענטשעס און האבען זיך ארויסגעצייגט צו זיין זייער פראקטיש. דער, וואס וויל פירען זיינע ביכער לויט דאפעלטער בוכפירונג, קען און דארף באנוצען א דזשוירנאל; ער וועט אבער אויך אויסגעפינען, אז דער לעדזשער, ווי ער איז צוזאמענגעשטעלט, קען פארשפארען א סך ארבעט.

דעביט און קרעדיט אין לעדזשער

דער לעדזשער פון די ארבעטער־רינג ברענטשעס ווערט צעטיילט אויף צוויי טיילען: א טייל, וואס אנטהאלט טשארדזשעס, אויף דער דעביט זייט, און א טייל, וואס אנטהאלט קרעדיטס.

דעביט זייט

די טשארדזשעס ווערען אריינגעטראגען אין לעדזשער דירעקט. לויט דער סיסטעם פון פראטוירנאל רייטס, וועלכע מיר האבען אין ארבעטער־רינג, זיינען די צאלונגען פארשידען לויט נאך די יארען. עס איז דא א קעסטעל, אין וועלכען עס קען פארצייכענט ווערען די רייט פאר דעם מארטשוארי פאנד, לויט נאך די יארען פון דעם באטרעפענדען מיטגליד, ווי עס איז פארצייכענט אונטער דעם קעפעל „איידזש“. (דער מארטשוערי פאנד איז דער פאנד, וואס פארזיכערט די אינשורענס פאר טויטען־פאלען.)

דעביט קאלומס

אין גענעראל־אפיס ווערט איצט פראקטיצירט ארויסצוגעבען טאבעלען יעדען קווארטאל, וואס צייגען אן די צאלונגען פאר מיטגליד, לויט נאך די יארען, און נעמען אריין צאלונגען פאר אלע

פאָנדם (קראַנקען־בענעפיט פאָנד, סאַניטאַריום פאָנד א. אַ. וו.).
דער סעקרעטאַר קען פון אָט די טאַבעלען טשאַרדזשען דעם מיט־גליד פאַר די דיוס, וואָס ער קומט אין גענעראַל־אָפיס, און דעם דאָזיגען טשאַרדזש שרייבט ער אַריין אין קאָלום „דיוס און אַסעס־מענטס“, אין דער קעסטעל General. די לאָקאַלע דיוס פאַר מיטגליד ווערען אויך פאַרשריבען אין זעלביגען קאָלום, אין דער קעסטעל Local. פאַר די דיוס פון אַ מיטגלידס פרוי איז דאָ אַ קעסטעלע 3 קלאַס. די דיוס פון אַ מיטגלידס פרוי איז אָפּ־הענגיג, ערשטענס, פון איר עלטער און צי זי האָט סאַניטאַריום פריווילעדזש, אָדער ניט.

דער גאַנצער קאָלום „דיוס און אַסעסמענטס“ באַטרעפט די סומע פון ביל פאַר די דיוס פון גענעראַל־אָפיס און פאַר לאָקאַלע דיוס.

אין קאָלום Medical Services ווערען פאַרשריבען די טשאַרדזשעס פאַר׳ן דאָקטאָר, לויט נאָך די רייט, ווי עס ווערט אָפּגעמאַכט מיט׳ן דאָקטאָר.

אין קאָלום Cemetery Dues ווערט פאַרשריבען דער טעקס פאַר דער לאָקאַלער סעמעטערי (אין ניו־יאָרק איז דער טעקס דריי דאָלער פער מיטגליד, וואָס עס דאַרף אויסגעצאָלט ווערען אין אַ משך פון דריי יאָר, צו 25 סענט פער קוואַרטאַל) און אויך דיוס פאַר׳ן פיונעראַל פאָנד, וואָס ווערען געצאָלט אין אַלע בראַנטשעס פון לאַנד גלייך.

איין קאָלום איז מיט אַ בלענק קעסעל און דער דאָזיגער קאָלום קען באַנוצט ווערען פאַר ספּעציעלע טאַקסעס פון אַ בראַנטש.

עס איז אויך דאָ אַ קאָלום פאַר טשאַרדזשעס פון רעגיסטריר־טע בריף און אַ קאָלום פאַר שטראָף.

דער קאָלום Other Charges ווערט באַנוצט פאַר אַזעל־כע טשאַרדזשעס, וועלכע קומען ניט פאַר רעגעלמעסיג, ווי טשאַר־דזשעס פאַר טיקעטס א. אַ. וו. אונטער דעם קעסעל „עקספּלאַניי־שאָן“ דאַרף דערקלערט ווערען, וואָס דער ניט־רעגעלמעסיגער טשאַרדזש באַדייט.

דער קאָלום „טאָטאַל" גיט דעם סך־הכל פון אַלע טשאַרדזשעס פאַר דעם באַטרעפענדען מיטגליד אין דעם קוואַרטאַל.

אין דעם ערשטען קאָלום פון דער דעביט זייט ווערט אָנגע־געבען דער וויפילטער קוואַרטאַל עס איז.

קרעדיט זייט פון לעדזשער

די צווייטע זייט פון לעדזשער, די קרעדיט זייט, האָט פאָל־גענדע קאָלומס:

„קוו."‚ פאַר באַצייכנען דער וויפילטער קוואַרטאַל עס איז. (אייגענטליך איז אָט דער קאָלום איבעריג, ווייל דער קוואַרטאַל ווערט שוין אָנגעגעבען אויף דער דעביט זייט.

דער קאָלום „קרעדיט באַלאַנס" איז פאַר אַזעלכע פאַלען, ווען א מיטגליד האָט פאַריגען קוואַרטאַל איינגעצאָלט מער, ווי עס איז פון אים געקומען, און פאַר די איבעריגע געלט קריגט ער קרעדיט.

די קאָלומס „פוירסט פיימענט, סעקאָנד פיימענט, טהוירד פיי־מענט", זיינען באַשטימט פאַר די דאָזיגע מיטגלידער, וועלכע צאָלען זייערע בילס ראַטענווייז. אין יעדען קאָלום איז דאָ א פּלאַץ צו פאַרשרייבען דעם נומער פון רעסיט און די סומע, וואָס עס ווערט איינגעצאָלט.

דער קאָלום Allowances and Sundry Credits איז באַ־שטימט פאַר אַזעלכע פאַלען, ווען דער ביל אַנטהאַלט אָווער־טשאַרדזשעס, אָדער א ברענטש שענקט דעם מיטגליד זיינע דיוס, אָדער ווען א מיטגליד רעכענט אַראָפּ פון זיין ביל פאַר געלט, וואָס עס קומט אים פון ברענטש. אויך אין אָט דעם קאָלום איז דאָ א קעפּעל „עקספּלאַניישאָן"‚ וואו עס קען דערקלערט ווערען, וואָרום דער קרעדיט איז געמאַכט געוואָרען.

עס איז זייער וויכטיג, אַז א דערקלערונג פון א געוויסען קרעדיט זאָל גענוי אָנגעגעבען ווערען, כדי צו פאַרמיידען פאַר־דאַכטען. קרעדיט אָן א דערקלערונג קומט אוים פאַרדעכטיגט און אַזעלכע זאַכען דאַרפען פאַרמידען ווערען.

דער „טאָטאַל״ אַנטהאַלט דעם סך־הכל פון אַלע קרעדיטס צוזאַמענגענומען.

אויב די סומע פון אַלע קרעדיטס באַטרעפט ווייניגער ווי די סומע פון טשאַרדזשעס, דאַן שטעלט זיך אָפּ אַ באַלאַנס פאַר׳ן נעקסטען קוואַרטאַל, און דאָס ווערט אַריינגעטראָגען אין לעצטען קאָלום .Balance to Next Qu. ווען דער נעקסטער קוואַרטאַל פאַנגט זיך אָן, ווערט די זעלביגע סומע נאָכאַמאָל פאַרשריבען אין אָנפאַנג פון די טשאַרדזשעס אין ערשטען קאָלום, Balance from Last Qu.

דער טייל פון לעדזשער וואָס אַנטהאַלט רעקאָרדס

דער אונטערשטער טייל פון לעדזשער אַנטהאַלט מייסטענס רעקאָרדס פאַר סטאַטיסטישע צוועקען; עס ווערט דאָרטען אָנגע־געבען, וויפיל קראַנקען־בענעפיט אַ מיטגליד ציט, וויפיל שטיצע ער קריגט פון ברענטש, די בענעפיטס פון אָפּיס א. א. וו. אויב דער מיטגליד קריגט סאַניטאַריום באהאַנדלונג, ווערט דאָרטען אָנ־געגעבען, ווען ער איז אַריין אין סאַניטאַריום און ווען ער איז אַרויס, צי ער איז אָפּגעוועזן די פולע צייט, אָדער ניט. צוויי קאָלומס אין אָט די רעקאָרדס זיינען זייער וויכטיג. דער קאָלום Aid Returnable, וואו עס ווערען פאַרשריבען פאַלען ווען אַ מיטגליד לייט געלט פון ברענטש (אויב דער לאָאַן פאָנד איז צו־זאַמען מיט די געלדער פון ברענטש, קען אָט דער קאָלום באַנוצט ווערען פאַר׳ן לאָאַן פאָנד אַקאַונט.)

דער קאָלום „סעמעטערי דיוס״ ווערט באַנוצט פאַר דעם ספּע־ציעלען טעקס, וואָס אַ מיטגליד דאַרף אויסצאָלען אין אַ משך פון אַ נעוויסער צייט.

די אַלע קאָלומס, ווען זיי זאָלען ריכטיג געהאַלטען ווערען, גיבען אַ ריכטיגען רעקאָרד פון יעדען מיטגליד באַזונדער.

זאַכליכע אַקאַונטס

ביים ענדע פון יעדען לעדזשער זיינען דאָ זאַכליכע אַקאַונטס (ניט פון פּערזאָנען) — נאָר וועגען אָט די אַקאַונטס וועלען מיר

רעדען אין אַ באַזונדער לעקציע. דער אַרבעטער־רינג מעמבערשיפּ לעדזשער איז גוט צוגעפּאַסט צו די באַדערפעגישען פון די ברענ־טשעס און יעדער איינער, וואָס וויל ווערען אַ טיכטיגער סעקרע־טאַר, אַפּילו אויב ער האָט גוטע ידיעות אין בוכפירונג, דאַרף זיך גוט אַריינטראַכטען אין דער אַרט און ווייזע ווי דער לעדזשער איז אויפגעשטעלט.

יידישער צענטער
ביבליאטעק
פעטאלומא

זיבעטע לעקציע

וועגען אלגעמיינע ביכער

די דזשוירנאלס און די לעדזשערס זיינען איצט פאנאנדערגע־טיילט אין פארשידענע ביכער.

		" דר.	11	50			" וויינער	6	61
		" סעמ. דעפ.	4	86			" געשטר. מיטג.	4	91
		" לאָק. סעמ.	4	50					
		" מויבעס		06					
			$121	17				$120	03
							באלאנס	1	14
		באלאנס	$ 1	14				$121	17

אלזא, דארף אונז קומען פון מיטגלידיער די סומע פון $1.14.
לאמיר נעמען דעם לעדזשער און מיר זען, אז עס קומט אונז פון

מ. שווארץ — .35 $
א. מאיעווסקי .16
לעווין — — 1.21

סך־הכל — $1.72

אלזא עס קומט אונז די סומע פון — — $1.72
דער ברענטש קומט לעווינסאן — — — .58

באלאנס — — — $1.14

עס קומט נאך אויך גרונין $5.04, נאר די דאזיגע סומע איז נאך דערווייל אויפ'ן לאאן אקאונט, און די סומע $1.14 איז ריכטיג.

הייסט דאס, אז אונזערע ביכער זיינען ריכטיג געפירט געווארען און דער קאנטראלינג אקאונט פון מעמבערשיפ איז טאקי א ריכטיגע קאנטראלע פון אונזערע מיטגלידער איינצאלונגען.

לויט אונזערע ביכער ציינט דאס מיר קומער דעם גענעראל־אפיס $12.25. מיר דארפען אבער אויך ארונטערנעמען $2.89 און די נעטע סומע, וואס מיר קומען דעם אפיס, וועט זיין $9.36.

די וויכטיגקייט פון פארשרייבען אפילו א פעני

עס איז נאך אמאל וויכטיג צו באמערקען, אז עס דארף אויפגעפאסט ווערען אויף יעדער איינצעלנער פעני. ווען עס ווערט געפירט לויט דאבעל ענטרי סיסטעם, קען מען נעמען א טרייעל־באלאנס, דאס הייסט די באלאנסעס פון אלע קאנטאס און די דעביטס מוזען שטימען מיט די קרעדיטס צום סענט. איין פעני קען

אמאָל מאַכען פיל טראָבעל א בוכהאלטער. און די מעלה פון דאָבעל ענטרי איז טאקי, אז די סיסטעם דערלאָזט ניט קיין אריפ־מעטישע טעות'ן.

ווי אזוי אלע פּאָרפאלען פון אונזערע ביישפּילען דארפען סיסטעמאטיש באהאנדעלט ווערען, וועלען מיר זען אין דער נעקסטער לעקציע.

עלפטע לעקציע

פראקטישע ביישפּילען

איצט, אז מיר האָבען שוין אַ ידיעה וועגען דאָבעל ענטרי בוכפירונג, וועלען מיר יעדען פּאָרפאָל ריכטיג „דזשווירנעלייזען" אין אונזער אַלגעמיינעם דזשיורנאל און פון דעם אַלגעמיינעם דזשווירנאל וועלען מיר די פּאָרפאָלען איבערטראָגען (פּאָסטען) אין הויפּט־בוך)דזשענעראל לעדזשער).

עס איז זייער וויכטיג, אז יעדער פּאָרפאָל, ווי ער איז דזשוויר־נעלייזט, זאָל ריכטיג באַטראַכט ווערען. נאָך יעדער ענטרי איז דאָ אַ דערקלערונג אין אידיש. איבערהויפּט מוז מען נעמען אין אכט, אַ דזשווירנאל ענטרי דאַרף אַלע מאָל האָבען אַ דערקלערונג פון בוכהאַלטער, ווארום זי איז אזוי געמאַכט געוואָרען.

נאָכדעם ווי מיר וועלען פאַרטיג ווערען מיט „דזשווירנעלייזען" און איבערטראָגען אין לעדזשער, וועלען מיר קענען מאַכען אַ ריכטיגען פינאַנציעלען סטייטמענט און מיר וועלען קלאָר זען, ווי מיר שטייען, וואָס עס זיינען אונזערע שולדען און וואָס מיר פאַרמאָגען.

איידער מיר וועלען מאַכען אַ פינאַנציעלען סטייטמענט, וועלען מיר דאַרפען נעמען אַ טרייעל באַלאַנס, צו זען אויב אונזער לע־דזשער איז ריכטיג געפירט געוואָרען. (איידער מען מאַכט אַ פּי־נאַנציעלען סטייטמענט מוז מען פריער נעמען אַ טרייעל באַלאַנס—אַ פּרוף־באַלאַנס.)

מיר וועלען אָנפאַנגען פון דעם ערשטען פּאָרפאָל; דאָס, וואָס מיר האָבען פאַרשריבען אין קעש־בוך, וועלען מיר נאָכאַמאָל ניט איבער׳חזר׳ן. אַלע קעש אנגעלעגענהייטען זיינען שוין „דזשוויר־נעלייזט" געוואָרען אין קעש־בוך און פון קעש־בוך וועלען מיר איבערטראָגען (פּאָסטען) אין דזשענעראל לעדזשער.

אזוי ווערען די פאָרפאַלען דזשוירנעלייזט :

JOURNAL QU. 86, 1922

		$		$	
	January 1				
1	Banquet	9	00		
	Profit and Loss			9	00
	צו פאַרשרייבען דעם באַלאַנס פון באַנעקט אויף געווין און פאַרלוסט רעכענונג. (דער געווין און פאַר־לוסט רעכענונג ווערט קרעדיטירט און דער באַנקעט דעביטירט.)				
	— 1 —				
1A	Membership Account	30	33		
2	General Office			30	33
	צו דעביטירען דעם מעמבערשיפ אַקאַונט מיט די געלט, וואָס עס קומט דעם הויפט אָפיס, לויט דער רייט קאַרד. (דער גענעראַל־אָפיס ווערט מיט דער סומע קרעדיטירט)				
	— 1 —				
1A	Membership Account	4	16		
2A	N. Y. Cemetery Dept.			2	16
2B	Local Cemetery			2	00
	צו דעביטירען דעם מעמבערשיפ אַקאַונט מיט דאָס, וואָס ס'קומט דעם נ. י. סעמעטערי דעפּאַרט־מענט, 8 מיטגלידער צו 27 סענט, און מיט דעם, וואָס ס'קומט די לאָקאַלע סעמעטערי, 8 מיטגלי־דער צו 25 סענט.				

JOURNAL QU. 86, 1922

	— 1 —				
1A	Membership Account	5	25		
2A	Dr. Assessments			5	25
	צו דעביטירען דעם מעמבערשיפ אַקאַונט מיט דאָס, וואָס ס'קומט דעם דאָקטאָר, 5 מיטגלידער צו 75 סענט און 3 מיטגלידער צו 50 סענט. דער דאָקטאָר ווערט מיט דער סומע קרעדיטירט.				
	January 1	$		$	
1A	Membership Account	24	00		
1B	Income from Local Taxes			16	00
2D	Income from Local Dues			8	00
	צו דעביטירען דעם מעמבערשיפ אַקאַונט מיט טאַקסעס, 8 מיט־גלידער צו 2 דאָלער, און לאָקאַלע דיוס, 8 מיטגלידער צו 1 דאָלער.				
	— 16 —				
3	Harlap	30	00		
3	Shatz	30	00		
4D	Tickets a/c Treasurer			60	00
	צו קרעדיטירען דעם טרעזשורער פון די טיקעטס מיט די טיקעטס, וואָס די אויבענדערמאָנטע האָבען גענומען.				
	— 16 —				
3	J. Grunin	50	00		
4D	Tickets a/c Treasurer			50	00
	צו קרעדיטירען דעם טרעזשורער פון די טיקעטס מיט די טיקעטס, וואָס גרונין האָט גענומען.				

JOURNAL QU. 86, 1922

		$		$	
	January 25				
4D	Tickets a/c Treasurer	2	60		
3	Harlap			2	60
	צו דעביטירען דעם טרעזשורער פון די טיקעטס מי די צוריקגע־ קערע טיקעטס. הארלאפ ווערט קרעדיטירט.				
	25				
3A	Loan Account				
	(Jacob Grunin)	50	00		
3	Tickets a/c				
	(Jacob Grunin)			50	00
	ארונטערצורעכענען די 50 דאָלאר, וואָס עס קומט פון גרונין פאַר טיקעטס, פאַר דעם חוב, וואָס קומט אים פון ברענטש.				
	25				
3A	Loans Payable				
	(Jacob Grunin)	8	40		
1A	Membership a/c				
	(Jacob Grunin)			8	48
	ארונטערצורעכענען געלט, וואָס קומט גרונין פון ברענטש פאַר זיינע דיוס.				
	February 12				
4D	Tickets a/c Treasurer	48	00		
3	Harlap			28	00
3	S. Shatz			20	00
	צו קרעדיטירען די אויבענדער־				

JOURNAL QU. 87, 1922

	מאַנטע מיט דעם געלט, וואָס זיי				
	האָבען איינגעצאָלט לויט נאָכ'ן				
	קעש־בוך. (ריכטיגער וואָלט די				
	ענטרי דאָ געמאַכט ווערען אַנ־				
	דערש. אין דזשורנאַל האָט גע־				
	דאַרפט קרעדיטירט ווערען דער				
	ענטערטיינמענט אַקאַונט און אין				
	קעש־בוך די פר. האַרלאָפּ און				
	שאַטץ. נאָר דער רעזולטאַט וואָלט				
	געווען דערזעלבער.)				
	— 12 —				
3	Tickets a/c Treasurer	50	00		
4A	Entertainment			50	00
	צו קרעדיטירען מיט 50 דאָלער				
	דעם ענטערטיינמענט רעכענונג				
	פאַר די געלט, וואָס ס'איז אַראָפּ־				
	גערעכענט געוואָרען פון גרונינגס				
	חוב.				
	April 1	$		$	
1A	Membership Account	36	12		
2	General Office			36	12
	צו קרעדיטירען דעם גענעראַל־				
	אָפיס מיט די געלדער פאַר מיט־				
	גלידער לויט די רייט־קאַרדס פאַר				
	קוו. 87.				
	— 1 —				
1A	Membership Account	5	20		
2A	N. Y. Cemetery Dept.			2	70
2B	Local Cemetery			2	50
	10 מיטגלידער צו 27 ס.—$2.70				
	10 מיטגלידער צו 24 ס.—2.50				

JOURNAL QU. 87, 1922

	—— 1 ——				
1A	Membership Account	16	25		
1B	Local Dues			10	00
2D	Dr. Assessments			6	25
	צו דעביטירען דעם מעמבערשיפ אַקאַונט פאַר לאָקאַלע דיוס און דאָקטאָר ביל.				
	לאָקאַלע דיוס קרעדיטירט, 10 מיטגלידער צו 1 דאָל.—$10.00; דאָקטאָר אַסעסמענט קרעדיטירט, 5 מיטגלידער צו 75 סענט און 5 מיטגלידער צו 50 סענט.				
	—— 1 ——				
3B	Expense		40		
3	B. Tauber				40
	צו קרעדיטירען טויבעם מיט 40 סענט אויסגאַבען, וואָס ער האָט געמאַכט. (דער עקספּענס אַקאַונט ווערט דעביטירט.)				
	May 19	$		$	
4B	Aid	6	61		
61	Membership Account			6	61
	אַרונטער צו רעכענען דעם ביל, וואָס מען האָט געשענקט סעם ווײַנער און דעביטירען דערמיט דעם „אייד" אַקאַונט.				
	June 7				
2	General Office	2	89		
21	Dr. Assessments		50		
2B	Local Cemetery		25		
2A	N. Y. Cemetery Dept.		27		
4	Profit and Loss	1	00		
1A	Membership Account			4	91
	צו פאַנאַנדערוואַרפען דעם ביל פון דעם געשטראָכענעם מיטגליד ראַטנער צו די נייטיגע אַקאַונטס.				

JOURNAL QU. 87, 1922

	(מען דעביטירט דעם גענעראל־ אָפיס א. אַ. וו. אַ דאָלער ווערט פאררעכענט צום געווין און פאר־ לוסט רעכענונג.)				
	7				
	Loans	6	48		
	Membership A/C			6	48
	ארונטערצורעכענען פון גרונינס חוב פאר זיינע דיוס פון 87־טען קווארטאל.				
	May 7	$		$	
2	General Office	24	00		
3C	Sick Benefit			24	00
	צו דעביטירען דעם גענעראל־ אָפיס מיט קראנקען־בענעפיט, וואָס עס קומט מאיעווסקי. (קראנ־ קען־בענעפיט ווערט קרעדיטירט.)				
	7				
2A	Cemetery Department	30	00		
4C	Funeral Expense			30	00
	צו דעביטירען דעם סעמעטערי דעפארטמענט מיט דעם געלט, וואָס עס קומט הארלאפ פאר פיונעראל.				
	7				
5	Books, Library	450	00		
5A	Oriental Book Co.			450	00
	מען האָט געקויפט ביכער פאר א ביבליאָטעק פון „אָריענטאל בוק קאָ.“ (די ביבליאָטעק ווערט דע־ ביטירט און די אָריענטאל בוק קאָ. קרעדיטירט.)				

JOURNAL QU. 87, 1922

	— 7 —				
3	Tickets, Treasurer's A/C	10	00		
3	Loans Payable			10	00
	פאָר דעם געלט, וואָס שאַטץ האָט איינגעצאָלט לויט'ן קעש־בוך. (די ענטרי האָט געקענט זיין אַנדערש)				
	— 30 —				
1B	Income from Taxes	16	00		
2D	Income from Dues	18	00		
5	Entertainments	278	00		
6	Profit and Loss			312	00
	צו שליסען די אויבענדערמאָנטע געווין רעכענונגען און קרעדיטירן מיט זייערע סומען פּראָפיט און לאָס.				
	— 30 —				
4	Profit and Loss	320	00		
5	Branch Administration			47	84
5	Aid			6	61
4	Surplus			265	55
	צו שליסען פאַרלוסט אַקאַונטס און איבערטראָגען זיי צום דעביט פון פּראָפיט און לאָס, און מאַכען דעם באַלאַנס אַלס סוירפּלוס.				
	— 7 —				
1A	Membership Account			5	94
3B	Branch Administration	5	94		
	אַרונטערצורעכענען די דיוס פון סעק. טויבעס און דעביטירען דעם בר. אַדמיניסטריישאָן רעכענונג.				

JOURNAL QU. 87, 1922

	June 7	$			
1A	Membership Account		06		
3	Loan				06
	צו קרעדיטירען טויבעם מיט 6 סענט, וואָס ער האָט איבערגע־צאָלט דעם ערשטען קוו. (טויבעם צאָלט ניט מער קיין בילס, ווייל דער ברענטש שענקט אים פאַר זיין סעקרעטערישיפּ און די 6 ס. דאַרפען אויסגעגליכען ווערען.				

פון די טעכנישע איינצעלהייטען איז כדאי צו באַמערקען, אַז אין דזשוירנאַל איז דאָ אַ קאָלום, וואָס צייגט אָן וואו יעדע זאַך איז איבערגעטראָגען (געפּאָוסטעד) געוואָרען אין לעדזשער, און אין לעדזשער איז דאָ אַ קאָלום פון דזשוירנאַל „פּאָוסטינגס". אין קעש־בוך איז אויך דאָ אַ קאָלום פאַר'ן דזשענעראַל לעדזשער.

דער דאַטום אין דזשוירנאַל ווערט געוויינליך געשריבען אויבען. עס איז ניט נייטיג איבערצו'חזר'ן אַלע מאָל דעם מאָנאַט.

1—Debit BANQUET ACCOUNT Credit—1

Qu.	Mo.	D'te					Qu.	Mo.	D'te				
	1922							1922					
86	Jan.	1	To Cash	c.1	31	00	86	Jan.	1	By Cash	c.1	5	00
			" Profit	J.1	9	00				" "	1	5	00
										" "	1	5	00
										" "	1	5	00
										" "	1	5	00
										" "	1	5	00
										" "	1	5	00
										" "	1	5	00
					40	00						40	00

1A—Debit MEMBERSHIP ACCOUNT Credit—1A

Qu.	Mo.	D'te					Qu.	Mo.	D'te				
	1922							1922					
86	Jan.	15	To Gen. Office	J.1	30	33	86	Jan.	15	By Loans	J.3	8	48
			" Sundries	1	4	16	87	May	7	" Br. Adm.	J.5	5	94
			" Dr.	1	5	25			7	" Aid	J.6	6	61
			" Sundries	2	24	00			19	" Sundries	6	4	91
87	Apr.	7	" Gen. Office	J.4	35	92		June	7	" Cash	c.2	87	61
			" Cemetery Dept.	4	2	70			30	" Grunin	J.6	6	48
			' Local Cemetery	4	2	50				Balance		1	14
			" Local Dues	4	10	00							
			" Dr. Dues	4	6	25							
	June	30	" Adjustment	J.6		06							
					121	17						121	17
			Balance		1	14							

1B—Debit INCOME FROM LOCAL DUES Credit—1B

Qu.	Mo.	D'te					Qu.	Mo.	D'te				
	1922							1922					
87	June	30	Profit and Loss		18	00	86	Jan.	15	By Members	J.2	8	00
							87	Apr.	1	" "	J.4	10	00
					18	00						18	00

2—Debit GENERAL OFFICE Credit—2

Qu.	Mo.	D'te					Qu.	Mo.	D'te				
	1922							1922					
87	May	7	To Sick Benefit	J.5	24	00	86	Jan.	15	By Members	J.1	30	33
87	June	7	" Exp'l'd Members	J.6	2	89	87	Apr.	1	" "	J.4	35	92
	May	19	" Cash	c.2	30	00							
			Balance		9	36							
					66	25						66	25
										Balance		9	36

2A—Debit CEMETERY DEPT., N. Y. Credit—2A

Qu.	Mo.	D'te					Qu.	Mo.	D'te				
	1922							1922					
87	May	7	To Funeral Exp.	J.5	30	00	86	Jan.	15	By Members	J.1	2	16
	June	7	" Exp'l'd Members	J.6		27	87	Apr.	1	" "	J.4	2	70
	May	7	" Cash	c.2	5	05		June	30	" Cash	c.2	30	00
										Balance			46
					35	32						35	32
			Balance			46							

LOCAL CEMETERY

2B—Debit | Credit—2B

Qu.	Mo.	D'te					Qu.	Mo.	D'te				
	1922							1922					
87	June	7	To Exp'l'd Members	J.6		25	86	Jan.	15	By Members	J.1	2	00
	May	19	" Cash	c.2	4	00	87	Apr.	1	" "	J.4	2	50
			Balance			25							
					4	50						4	50
										Balance			25

DR. DUES

2C—Debit | Credit—2B

Qu.	Mo.	D'te					Qu.	Mo.	D'te				
	1922							1922					
87	June	7	To Exp'l'd Members	J.6		50	86	Jan.	15	By Members	J.1	5	25
		29	" Cash	c.2	11	50	87	Apr.	1	" "	J.4	6	25
										Balance			50
					12	00						12	00
			Balance			50							

INCOME FROM TAXES

2D—Debit | Credit—2D

Qu.	Mo.	D'te					Qu.	Mo.	D'te				
	1922							1922					
87	June	30	Profit		16	00	86	Jan.	15	By Members	J.2	16	00

3—Debit SUNDRY LOANS AND EXCHANGES Credit—3

Qu.	Mo.	D'te					Qu.	Mo.	D'te				
	1922							1922					
			Shatz, Tickets	J.1	30	00				Grunin	J.3	50	00
86	Jan.	16	Harlap, Tickets	J.1	30	00	86	Jan.	15	Harlap	J.2	2	00
			J.Grunin, Tickets	J.1	50	00				Korlap	J.3	28	00
87	June	29	To Cash	c.2		46				Shatz	J.3	20	00
		30	" Cash, Weiner	c.2	10	00				Tauber			40
			Balance			12				Registry	c.2		12
							87	June	30	By Cash	c.2	10	00
								30		" Members	J.6		06
										" Shatz, Cash	J.6	10	00
					120	58						120	58
										Balance			12

3A—Debit LOANS PAYABLE Credit—3A

Qu.	Mo.	D'te					Qu.	Mo.	D'te				
	1922							1922					
86	Jan.	16	Grunin, for Tickets	J.3	50	00	86	Jan.	3	By B. Tauber	c.1	100	00
		15	Grunin, for Dues	J.3	8	48				" Grunin	c.1	70	00
87	Apr.	1	B. Tauber	c.1	100	00							
			Grunin, Dues	J.6	6	48							
			Balance		5	04							
					170	00						170	00
										Balance		5	04

3B—Debit BRANCH ADMINISTRATION Credit—3B

Qu.	Mo.	D'te					Qu.	Mo.	D'te				
	1922							1922					
86				J.4		40	87	June	30	Loss		47	84
87	May	7		J.5	5	94							
	June	30		c.2	41	50							
					47	84						47	84

3C—Debit SICK BENEFIT Credit—3C

Qu.	Mo.	D'te					Qu.	Mo.	D'te				
	1922							1922					
87	June	30	To Cash	c.2	24	00	87	June	1	By Gen. Office	J.2	24	00

4—Debit PROFIT AND LOSS Credit—4

Qu.	Mo.	D'te					Qu.	Mo.	D'te				
	1922							1922					
87	June	7	To Exp'l'd Members	J.6	1	00	86	Jan.	1	By Banquet	J.1	9	00
		30	" Expense Account	J.7	54	45	87		30	" Sundries	J.7	312	00
			" Surplus		265	55							
												321	00
					321	00							
										Surplus		265	55

ENTERTAINMENTS

4A—Debit | Credit—4A

Qu.	Mo.	D'te					Qu.	Mo.	D'te				
	1922							1922					
86	Feb.	1	To Cash	c.1	30	00	86	Feb.	12	By Tickets	J.3	50	70
			" "	c.1	25	00	87	June	30	" Cash	c.2	298	00
			" "	c.1	15	00							
			Profit		278	00							
					348	00						348	00

AID

4B—Debit | Credit—4B

Qu.	Mo.	D'te					Qu.	Mo.	D'te				
	1922							1922					
87	May	19	To Members	J.6	6	61	87	June	30	Loss		6	61

FUNERAL EXPENSE

4C—Debit | Credit—4C

Qu.	Mo.	D'te					Qu.	Mo.	D'te				
	1922							1922					
87	May	7	To Cash	c.1	30	00	87	May	7	By Cemetery Dept.	J.1	30	00

TICKETS, TREASURER

4D—Debit | Credit—4D

Qu.	Mo.	D'te					Qu.	Mo.	D'te				
86	Jan.	16	To Returns	J.2	2	00		1922					
			" Sundries	J.3	48	00	86	Jan.	15	By Sundries	J.2	60	00
			" Entertainment	J.3	50	00				" "	J.2	50	00
			" Shatz	J.7	10	00							
					110	00						110	00

5—Debit **BOOKS FOR LIBRARY** Credit—5

Qu.	Mo.	D'te					Qu.	Mo.	D'te				
	1922												
87	May	7	To Oriental Book Co.	J.5	450	00							

5A—Debit **ORIENTAL BOOK CO.** Credit—5A

Qu.	Mo.	D'te					Qu.	Mo.	D'te				
	1922							1922					
87	May	7	To Cash	c.1	50	00	87	May	7	By Books	J.1	450	00
			Balance		400	00							
					450	00						450	00
							88	July	1	Balance		400	00

5B—Debit **NEW MEMBERS** Credit—5B

Qu.	Mo.	D'te					Qu.	Mo.	D'te				
	1922							1922					
87	June	30	To Cash Gen. Office	c.2	5	30	87	June	29	By Cash	c.2	5	30

5C—Debit **GENERAL CASH ACCOUNT** Credit—5C

Qu.	Mo.	D'te					Qu.	Mo.	D'te				
	1922							1922					
87	June	30	Income for 2d quar.	c.2	641	03	87	June	30	Disbursements	c.2	412	81
										Balance		228	22
					641	03						641	03
88	July	1	Balance		228	22							

איצט וועלען מיר פון לעדזשער מאכען א טרייעל באלאנס און זען אויב מיר האבען ריכטיג געפאוסטעד אין לעדזשער.

טרייעל באלאנס

דער טרייעל באלאנס צייגט פאלגענדע דעביט באלאנסעס:

קעש — — — — —	$228.22
לייברערי — — — —	450.00
סעמעטערי — — —	.46
דאקטאר — — — —	.50
מעמבערשיפ — — —	1.14
אדמיניסטריישאן —	47.84
אייד — — — — —	6.61

$734.77 טאטאל פון דעביט באלאנסעס.

קרעדיט באלאנסעס:

דזשענעראל אפיס — — — — — — —	$ 9.36
אריענטאל בוק קא. — — — — — — —	400.00
גרונין — — — — — — — — — — —	5.04
רעדזשיסטרירטע בריף עקסטשיינדזשעס	.12
לאקאל סעמעטערי — — — — — — —	.25
איינקונפט פון טאקסעס — — — — — —	16.00
איינקונפט פון לאקאלע דיוס — — — —	18.00
פראפיט — — — — — — — — — — —	8.00
אונטערנעמונג— — — — — — — — —	278.00
	$734.77

אלזא, איז דער טרייעל באלאנס ריכטיג. איצט דארפען מיר פון טרייעל באלאנס מאכען אונזערע סטייטמענטס.

די אַקאַונטס פון דעביט זייט

אין דעביט זייט האָבען מיר עסעט אַקאַונטס, די זאַכען וואָס מיר פאַרמאָגען אין געווין און פאַרלוסט אַקאַונטס. אַ געווין און פאַרלוסט אַקאַונט, וואָס איז אויפ'ן דעביט זייט, איז אַ פאַרלוסט. לאָמיר אָפּלקייבען די פאַרלוסט אַקאַונטס:

אדמיניסטריישאָן קאָסט — — — — — —	$47.84
אייד (אונטערשטיצונג) — — — — — —	6.61
טאָטאַל — — —	$54.45

אונזערע עסעט אַקאַונטס:

קעש — — — — — — — — — — — —	$228.22
לייברערי — — — — — — — — — — —	450.00
סעמעטערי (אונז קומט) — — — — — —	.46
דר. (איבערגעצאָלט) — — — — — — —	.50
מעמבערס (נעטע חובות) — — — — —	1.14
טאָטאַל — — —	$680.32

איצט וועלען מיר פאַנאַנדערטיילען די קרעדיט באַלאַנסעס. פון געווין און פאַרלוסט רעכענונגען זיינען די קרעדיטס אַלעמאָל געווינסען.

איינקונפט פון טעקסעס — — — — — —	$16.00
פון לאָקאַלע דיוס — — — — — — —	18.00
פּראָפיט — — — — — — — — — — —	8.00
(מיר האָבען געהאַט 9 דאָלער פּראָפיט פון באַנקעט, אַ דאָלער האָבען מיר פאַר־לאָרען אויף אַ געשטראָכענעם מיט־גליד) ענטערטיינמענט — — — — — —	278.00
טאָטאַל — — —	$320.00

פון עסעט און לייאביליטים זיינען קרעדיט באלאנסעס אלעמאל שולדען.

שולדען:

דזשענעראל אָפיס — — — — — — — — —	$ 9.36
אָריענטאל בוק קאָ. — — — — — — —	400.00
גרונין — — — — — — — — — — —	5.04
עקסטשיינדזש— — — — — — — — —	.12
לאָקאל סעמעטערי — — — — — — —	.25
	$414.77

אז מיר האָבען שוין אזוי פאנאנדערגעקליבען דעם טרייעל באלאנס, וועט שוין ניט שווער זיין צו מאכען אונזערע פינאנציעלע סטייטמענטס.

צוערשט אונזער געווין און פארלוסט סטייטמענט:

סטייטמענט פאר 2 קווארטאלען ביז'ן 30-טען יוני, 1922

איינקונפט פון באל — — — —	$278.00	
" " טעקסעס — — —	16.00	
" " דיוס — — —	18.00	
פראָפיט פון באנקעט— — — —	9.00	
טאָטאל איינקונפט —	$321.00	$321.00
עקספענס		
פארוואלטונגס קאָסט — —	$47.84	
אונטערשטיצונג — — — — —	6.61	
פארלוסט אין געשטראָכענע		
מיטגלידער — — — — —	1.00	
	$55.45	$55.45
נעטער געווין		$264.55

פאַרמעגען און שולדען

פ א ר מ ע ג ע ן (עסעטס)

קעש	$228.22
לייברערי	450.00
אונז קומט פון סעמעטערי דעפּאַרטמענט	.46
אונז קומט פון דר.	.50
נעטע חובות פון מיטגלידער	1.14
טאָטאל עסעטס	$680.32

אונזערע שולדען און נעט קאַפּיטאַל

עס קומט דעם גענעראַל־אָפיס	$ 9.36
" " אָריענטאַל בוק קאָ.	400.00
" " גרונין	5.04
עקסטשיינדזש	.12
עס קומט דער לאָקאַלער סעמעטערי	.25
סורפּלוס (פון נעווין)	265.55
טאָטאל	$680.32

פון אָט די סטייטמענטס קען מען האָבען אַ ריכטיגען באַגריף פון וואָס מיר האָבען געמאַכט געלט, אויף וואָס מיר האָבען פאַר־לאָרען, וויפיל איז אונזער פאַרמעגען, ניט נאָר אין קעש, נאָר אויך אין אַנדערע זאַכען, און וויפיל שולדען מיר האָבען. אויב מען זאָל פאַרגלייכען די אינפאָרמאַציע, וואָס מיר האָבען נעקראָגען פון קעש סטייטמענט מיט די דאָזיגע פינאַנציעלע סטייטמענטס, קען מען זען ווי ווייט מער די סיסטעם פון דאָפּעלטער בוכפירונג איז פּראַקטיש.

צוועלפטע לעקציע

וועגן אודיטינג

אודיטען הייסט אויסצוגעפינען אויב אַלע איינשרייבונגען, וואָס זיינען אין די ביכער, זיינען קאָרעקט.

וואָס ווערט אונטערזוכט

דער אודיטער דאַרף אויסגעפינען פאָלגענדע 3 פונקטען: 1) צי דער בוכהאַלטער אָדער סעקרעטאַר ווייס ווי צו פאַרשרייבען — מיסטייקס פון פּרינסיפּעלס; 2) צי דער סעקרעטאַר אָדער בוכהאַלטער האָט ניט דורכגעלאָזען קיין זאַך — מיסטייקס פון אויסלאָזען זאַכען; 3) צי דער סעקרעטאַר אָדער בוכהאַלטער איז ניט באַגאַנגען קיין גנבה.

ווער איז פּאַסענד פאַר אַן אודיטאָר

אַן אודיטאָר, נאַטירליך, דאַרף זיין איינער, וואָס איז גוט באַהאַוועט אין אַלע טעכנישע פראַגען פון בוכפירונג און האָט ידיעות אין אַלע געשעפטליכע אנגעלעגענהייטען, באַזונדערס פון דער פירמע, וואָס ער גייט אונטערזוכען.

די אודיטינג קאָמיטע פון ברענטש דאַרף באַשטיין פון אינטעליגענטע מיטגלידער, וואָס זיינען אויך אַקטיוו אין ברענטש.

אַ קאָמיטע פון ברענטש איז אין מאַנכע באַציאונגען פיל בעסער ווי אַן אויטסייד אודיטאָר, ווייל זיי ווייסען אַלע קלייניגקייטען, וואָס קומען פאַר אין ברענטש.

ווי צו אונטערזוכען

די הויפּט־זאַכען, וואָס אַן אודיטינג קאָמיטע דאַרף נעמען אין אַכט איז צו זען, אַז קיין הכנסות זיינען ניט דורכגעלאָזען

געוואָרען אין קעש־בוך און אַז אַלע הוצאות זיינען ווירקליך געמאַכט געוואָרען.

עס איז קלאָר, אַז דאָס, וואָס אָנבאַטרעפט הכנסות און הוצאות אין דעם באַטרעפענדען ברענטש, זיינען די אייגענע מיטגלידער פיל מער באַקאַנט ווי אַן אוטיסיידיגער אודיטאָר.

דער ברענטש מאַכט, למשל, אַ באַל. דער סעקרעטאַר פוילט זיך צו פאַרשרייבען די הכנסה פון באַל; מיט אַ רעסיט גיט מען זיך אַן עצה. אַן אויטסיידיגער קען אַמאָל גאָר ניט וויסען, אַז אַזאַ אונטערנעמונג איז געמאַכט געוואָרען. אַן אויטסיידיגער דאַרף זיך רויען אין פּראַקטאַקאַל ביכער, פון וועלכע עס איז מאַנכמאַל שוועער צו דערגיין אַ טאָלק, און נאָכפרעגען פערזאָנען א. אז. וו. עס איז דעריבער וויכטיג, אַז ווען אַפילו אַ אויטסייד אודיטאָר אונ־טערזוכט די ביכער, דאַרף אַ קאָמיטע איוסגעקליבען ווערען אים באַהילפיג צו זיין.

פאַרגלייכען דעם לעדזשער מיט׳ן קעש־בוך

די ערשטע און וויכטיגסטע זאַך, וואָס עס דאַרף געטאָן ווערען, איז צו טשעקען פון לעדזשער אין קעש־בוך. מאַנכע זיינען מיט דער מיינונג, אַז די וויכטיגסטע זאַך איז צו פאַרגלייכען די רע־סיטס מיט דעם קעש־בוך. עס איז קיין גרעסערער טעות ניטאָ. ניט אַלע מיטגלידער פאָדערען אַ רעסיט . . . דער סערקעטאַר קען זיך אַראָפּלאָזען אַ פּאָר דאָלער אין קעשענע, געבען דעם מיטגליד קרעדיט און די זאַך גאָר ניט איינשרייבען אין קעש־בוך. עס איז דעריבער זייער וויכטיג צו זען, אַז די קרעדיטס, וועלכע מיטגלידער באַקומען, זיינען אַריין אין קעש־בוך, און דאָס קען נאָר געטאָן ווערען דורך דעם, וואָס עס ווערט געטשעקט פון לעדזשער אין קעש־בוך. פון לעדזשער קוקט מען אויף די קרעדיטס, און אויב מען געפינט דאָס אין קעש־בוך, מאַכט מען אַ צייכען, אַז עס איז ריכטיג.

ווי ווערט די הכנסה זייט אונטערזוכט

אין דער הכנסה זייט פון קעש־בוך דאַרף נאָכגעזען ווערען

דורכ'ן פּראַקטיקל, און דער עיקר דורך די אינוווייניגסטע ידיעות, צי אַלע אייטעמס זיינען אריין אין קעש, צי קיין זאַך איז ניט דורכגעלאָזען געוואָרען.

די קלענסטע זאַך דאַרף עקזאַמינירט ווערען; עס דאַרף אויס־געפונען ווערען וועגען ראַפּעלס, קאָלעקשאַנס, און דער פאַרקויף פון קלייניגקייטען, ווי דער פאַרקויף פון טיקעטס, סטעמפּס, א. אז. וו.

די מאַטעמאַטישע אונטערזוכונג פון מיטגלידער אַקאַונט

דער מעמבערשיפּ אַקאַונט קען, אויסער אונטערזוכונג דורך טשעקינג, אויך אונטערזוכט ווערען מאַטעמאַטיש.

ווען מיטגלידער האָבען קיין באַלאַנסעס ניט

דעם ערשטען קוואַרטאַל פון דער עקזיסטענץ פון א ברענטש, ווען עס זיינען ניטאָ קיין שולדען פון פריהער, איז גאָר א פּשוט'ע זאַך. מען רעכענט אוים וויפיל געלט מיטגלידער דאַרפען איינ־צאָלען פאַר'ן גענעראַל־אָפיס לויט די רייט־קאַרדס, מען רעכענט צו די אַנדערע צאָלונגען, ווי דאָקטאָר, סעמעטערי, לאָקאַלע דיוס, א. אז. וו. מען מאַכט א סך־הכל פון די גאַנצע געלט, וואָס מיטגלי־דער דאַרפען איינצאָלען; מען זעט פון קעש־בוך, וויפיל מיטגלי־דער עס האָבען איינגעצאָלט; מען רעכענט אַרונטער אַלע געלדער, וואָס זיינען איבערגעצאָלט געוואָרען, און דאַן דאַרף דער דיפערענץ פון די מיטגלידערס שולדען צוזאַמען מיט די איינגעצאָלטע קעש שטימען מיט'ן מעמבערשיפּ רעכענונג.

ווען מיטגלידער האָבען באַלאַנסעס

ווען דער ברענטש איז שוין אַן אַלטער, דאַן מוז מען צו די געלדער, וואָס מיטגלידער דאַרפען איינצאָלען פאַר'ן קוואַרטאַל, צורעכענען די פריערדיגע שולדען.

קאָנקרעטער ביישפּיל

לאָמיר דעם געדאַנק אילוסטריטען דורך א קאָנקרעטען ביי־שפּיל.

ענדע קווארטאל 85 האט דער ברענטש געהאט שולדען	
פון מיטגלידער — — — — — — — — — —	$38.50
מיטגלידער האבען איבערגעצאלט — — — — — —	8.00
נעטע חובות — — —	$30.50

עס האט זיך ארויסגעצייגט דורך אויסרעכענונגען, אדער דורך די סטייטמענטס פון גענעראל־אפיס, אז פאר'ן קוו. 86 דארפען

די מיטגלידער איינצאלען — — — — — — — — — — —	$100.00
סעמעטערי דיום — — — — — — — — — — —	20.00
לאקאלע דיום — — — — — — — — — — —	25.00
דאקטאר ביל — — — — — — — — — — —	15.00
	$160.00
חובות פון פריער — — — — — — — — — — —	30.50
אזוי פיל האבען מיטגלידער געדארפט איינצאלען —	$190.50
עס זיינען געבליבען חובות ענדע קווארטאל — —	20.00
אזוי פיל קעש איז איינגעצאלט געווארען — — —	$170.50

און אויב דער קאלום „מעמבערס אן אקאונט" צייגט אזוי פיל געלט, איז דאס א גוטער באווייז, אז די סומע שטימט. אויב אלע איינצעלהייטען זיינען פאזיטיוו ריכטיג, איז אזא באווייז פיל וויכטיגער ווי דער באווייז, וואס מען האט פון טשעקינג. דער קאנטראל, פון וועלכען מיר האבען שוין גערעדט אין דער צענטער לעקציע, איז זייער וויכטיג פאר דעם אודיטאר.

באנק באלאנס און קעש באלאנס

אנדערע אקאונטס קענען אויף אזא אופן אונטערזוכט ווערען. דער קעש אקאונט מוז שטענדיג פארגליכען ווערען מיט דעם באלאנס אין באנק. מען מוז אבער אין אנבאטראכט נעמען די טשעקס. וואס זיינען נאך ניט אריינגעגאנגען. ווען דער בענק־אקאונט, צום

ביישפיל, צייגט א באַלאַנס ענדע דעצעמבער $70.00 (מען מוז זיין איבערצייגט, אז די דעפּאזיטס אין באַנק־בוך זיינען אַלע קאָרעקט), עס פעלען נאָך פאַר 20 דאָלער טשעקס, דאַ איז א ריכטיגער קעש באַלאַנס בלויז 50 דאָלער און ניט מער.

די פּראָצעדור פון אויסגעפינען דעם ריכטיגען קעש באַלאַנס

פעסטגעשטעלטער דאַטום

די ערשטע זאַך דאַרף פעסטגעשטעלט ווערען א געוויסער דאַטום, ווען די ביכער זאָלען געשלאָסען ווערען. ווען צום ביישפּיל דער דאַטום פון אָפּשליסען די ביכער איז דער 1־טער יאַנואַר און די ביכער ווערען אונטערזוכט דעם 20־טען פעברואַר, דאַרפען אַלע אריינגעקומענע געלדער פון דעם 1־טען יאַנואַר אין אַלע אויסגאַבען ניט אריינגערעכענט ווערען. א באַלאַנס איז א בילד פון א געוויסער צייט ביז צום סעקונדע.

אונטערזוכונג פון סעקרעטאַר

דער סעקרעטאַר דאַרף איבערצייגען דורך רעסיטס פון טרעזשורער, אז אַלע געלדער פון דער אונטערזוכונגס פּעריאָדע זיינען איבערגעגעבען געוואָרען צום טרעזשורער. ווען ער האָט נאָך געלדער און שטעקס, וועלכע ער האָט נאָך ניט איבערגעגעבען, דאַרפען די אייטעמס טאַבולירט ווערען און באַטראַכט ווערען אַלס קעש אַן ענד. ווען די הכנסה פאַר דער פּעריאָדע איז געווען למשל 500 דאָלער און רעסיטס פון טרעזשורער האָט ער בלויז פאַר 450 דאָלער, דאַרף די איבעריגע 50 דאָלער זיין אַן העַנד. דער סעקרעטאַר דאַרף דערקלערען, וואָרום ער האָט נאָך דאָס געלט ניט איבערגעגעבען. גלייך ביים אָנפאַנג פון דער אונטערזוכונג פרעגט דער אודיטאָר דעם סעקרעטאַר, וויפיל געלט ער האָט נאָך ביי זיך, צו זען אויב דער סעקרעטאַר ווייסט פון א רעכענונג.

אונטערזוכונג פון טרעזשורער

דער טרעזשורער דאַרף אַלע געלדער, וואָס ער האָט דער־

האַלטען, גלייך דעפּאָנירען אין באַנק. די דעפּאזיטס אין באַנק דאַרפען שטימען מיט זיינע רעסיטס. ווען ער האָט נאָך גע־ווויסע סומען ניט דעפּאזיטעט, דאַרף ער געבען אַן ערקלערונג. ווען קיין טשעק אַקאַונט ווערט ניט געפירט, דאַרפען די אויסגע־צאָלטע געלדער (דורך וואוטשערס) אַרונטערגענומען ווערען פון די דערהאַלטענע געלדער און פאַר דעם באַלאַנס איז דער טרע־זשורער פאַראַנטוואָרטליך.

ווי זאָל דער באַנק באַלאַנס פאַרגליכען ווערען

אַלע אויסגעצאָלטע טשעקס דאַרפען פאַרגליכען ווערען מיט'ן קעש בוך אויסגאַבען. יעדער טשעק דאַרף אונטערזוכט ווערען, צי ער איז אויסגעצאָלט געוואָרען צו דער ריכטיגער פאַרטיי. דער אינדאָרסמענט אויף דער צווייטער זייט פון טשעק דאַרף גוט באַ־טראַכט ווערען. ווי געזאָגט, דאַרפען פון באַנק באַלאַנס אַרונטער־גענומען ווערען אַלע טשעקס, וואָס זיינען נאָך ניט אַריין. לאָמיר אָננעמען, אַז אין אָנפאַנג פון דער אונטערזוכונגס פעריאָדע איז געווען אַ קעש באַלאַנס פון 150 דאָלער. געלט איז אַריינגעקומען 600 דאָלער; אויסגאַבען זיינען געמאַכט געוואָרען 400 דאָלער; דאַרף דער נעטער קעש באַלאַנס זיין 350 דאָלער.

קעש באַלאַנס אין אָנפאַנג פעריאָדע — — — — $150.00
איינגאַמע פאַר דער פעריאָדע — — — — — — 600.00

$750.00 — טאָטאַל
אויסגאַבען פאַר דער פעריאָדע — — — — 400.00

$350.00 — קעש באַלאַנס

אויב דער באַנק־בוך, אָבער, צייגט אַ באַלאַנס פון 500 דאָלער, מען אונטערזוכט דאַן די טשעקס און מען זעט זיך אַרום, אַז עס זיינען נאָך ניט אַריינגעקומען קיין 4 טשעקס אויף דער סומע פון 150 דאָלער. די טשעקס זיינען אַרויסגעגעבען געוואָרען און פאַר־שריבען, אָבער זיי זיינען נאָך ניט דורכגעגאַנגען די באַנק. די סומע

ווערט אַרונטערגענומען פון באַנק באַלאַנס און עס ווייזט זיך טאַקי אַרויס, אַז דער באַנק באַלאַנס מיט׳ן קעש באַלאַנס.

ווען דער באַנק באַלאַנס אונטערשיידט זיך פון קעש באַלאַנס

ווען אָבער דער באַנק באַלאַנס שטימט דאָך ניט. לאָמיר זאָגען, אַז עס זיינען גאָר דאָ פּאָר 200 דאָלער ניט אריינגעקומענע טשעקס, דאָ דאַרף נאַטירליך זיין 50 דאָלער אַן הענד און דאָס געלט מוז זיין אָדער ביים סעקרעטאַר, אָדער ביים טרעזשורער. אָדער דער סעקרעטאַר האָט נאָך דאָס געלט ניט איבערגעגעבען, אָדער דער טרעזשורער האָט נאָך דאָס געלט ניט דעפּאָזיטעט. די זאַך דאַרף פעסטגעשטעלט ווערען דורך די רעסיטס.

עס טרעפט זיך אַמאָל אויך, אַז עס איז דאָ איבעריגע געלט. איין הכנסה איז ניט איינגעשריבען געוואָרען, אָדער דער טעות ציט זיך נאָך פון לאַנג אָן. דער אמת איז, אַז עס איז דאָ אַ מזל ברכה אין געלט, צייגט דאָס, אַז די ביכער זיינען ניט ריכטיג געפירט געוואָרען און אַ זייער גענויע אונטערזוכונג דאַרף גע־מאַכט ווערען.

אונטערזוכונג פון דער ריכטיגקייט פון צוזאַמענרעכענונגען

די רעכענונגען דאַרפען גוט אונטערזוכט ווערען. עס טרעפט גאַנץ אָפט (זאָל זיך אַזוי ניט טרעפען), אַז דער סעקרעטאַר מאַכט אַ טעות פשוט אין חבור, אָדער אין אריבערטראָגען די סומע פון איין זייט צו דער צווייטער. אייגענטליך דאַרף די איבעררעכענונג פון אַלע סומען זיין דער ערשטער שריט פון אונטערזוכונגס קאַ־מיטע, איידער אַנדערע אונטערזוכונגען ווערען געמאַכט.

אונטערזוכונג פון אויסגאַבען

וואָס אָנבאַטרעפט דעם עקספּענס אַקאַונט, דאַרף פאָלגענדעס גענומען ווערען אין אָנבאַטראַכט:

יעדע הוצאה דאַרף אונטערזוכט ווערען דורך מאַטעריעלע באַ־ווייזען (אַ וואָוטשער איז ניט דער עיקר), אַז די הוצאות זיינען ווירקליך געמאַכט געוואָרען. די אייטעמס פון צאָלונגען צום גע־נעראַל־אָפיס, צום סעמעטערי דעפּאַרטמענט, דאַרפען פאַרגליכען

ווערען מיט די רעקאָרדס פון גענעראַל-אָפיס. עס דאַרף אויך אומ־באַדינגט פאַרגליכען ווערען די צאָל מיטגלידער אין ברענטש מיט דער צאָל פון גענעראַל-אָפיס רעקאָרדס.

וויכטיגקייט פון אַ פאַכמאַן

עס זיינען דאָ נאַטירליך פאַרוויקלונגען אין די אונטערזו־כונגען. אַ פאַכמאַן קען זיך געבען אַן עצה, און עס איז דעריבער ראַטזאַם, אַז די אודיטינג קאָמיטע זאָל שטיין אונטער דער אויפ־זיכט פון אַ פאַכמאַן און נאָכפאָלגען זיינע אינסטרוקציעס.

שלום

מיר האָפען, אַז די עלעמענטאַרע ידיעות, וואָס זיינען אָנגעגעבען געוואָרען אין די לעקציעס, וועלען מיטהעלפען, אַז די ברענטש פינאַנסען זאָלען געשטעלט ווערען אויף אַ גוטען באַזיס. אַסך איז שוין געטאָן געוואָרען. עס איז אָבער דאָ פּלאַץ פאַר פאַרבעסערונג. אויב דער סעקרעטאַר וועט ווערען פון אָט די אויבערפלעכליכע ידיעות אָנגערעגט ער זאָל ווייטער לערנען, דאַן האָבען די לעקציעס זייער צוועק ערדייכט.

פראטווירנאל רייטס טאַבעלע

רייטס פאַר'ן מאָרטשועריִ (אינשורענס פאַר טויטען-פאַלען) פאָנד לויט נאָך די יאָרען וואָס מיטגלידער זיינען אריין. פאַר א טויזענט דאָלערדיגע פאָליסי כופל'ט מען די 4-טע קלאַס רייטס אויף 10 מאָל. צ. ב. ש., פאַר 18-יעריגע איז די רייט $2.60 און פאַר 50-יעריגע — $9.60.

די רייטס זיינען פאַר איין קווארטאל (3 מאָנאטען).

Age	Cl. I	Cl. II	Cl. III	Cl. IV
18	1.04	.52	.52	.26
19	1.08	.54	.54	.27
20	1.12	.56	.56	.28
21	1.16	.58	.58	.29
22	1.20	.60	.60	.30
23	1.24	.62	.62	.31
24	1.28	.64	.64	.32
25	1.32	.66	.66	.33
26	1.36	.68	.68	.34
27	1.40	.70	.70	.35
28	1.44	.72	.72	.36
29	1.48	.74	.74	.37
30	1.56	.78	.78	.39
31	1.60	.80	.80	.40
32	1.68	.84	.84	.42
33	1.72	.86	.86	.43
34	1.80	.90	.90	.45
35	1.88	.94	.94	.47
36	1.96	.98	.98	.49
37	2.04	1.02	1.02	.51
38	2.12	1.06	1.06	.53
39	2.20	1.10	1.10	.55
40	2.28	1.14	1.14	.57
41	2.40	1.20	1.20	.60
42	2.48	1.24	1.24	.62
43	2.60	1.30	1.30	.65
44	2.72	1.36	1.36	.68
45	2.88	1.44	1.44	.72
46	3.08	1.54	1.54	.77
47	3.24	1.62	1.62	.81
48	3.44	1.72	1.72	.86
49	3.64	1.82	1.82	.91
50	3.84	1.92	1.92	.96

רייטס פאַר אַנדערע פאָנדס

די רייטס פאַר אַנדערע פאָנדס ווערען באַשטימט אויף אַ קאָנווענשאָן און זיי בייטען זיך זייער אָפט. דעריבער איז זייער נייטיג פאַר די סעקרעטאַרען צו קריגען רייט־קאַרדס פון אָפיס פאַר יעדען קוואַרטאַל. פאַר'ן אָנפאַנג 89־טען קוואַרטאַל זיינען די רייטס געווען ווי פאָלגט:

	Cl. A, Cl. I, Cl. II, Cl. IV	Cl. III
Sick Benefit Fund	1.05	—
Consumption Benefit Fund	.10	—
Sanatorium Maintenance Fund	.30	—
Sanatorium Building Fund	.10	—
Convention Fund	.12	—
"Friend" Fund	.08	—
Education Fund	.12	—
Organization Fund	.04	—
Administration Fund	.20	.08
Old Age Home Fund	.05	—
	2.16	.08
Mortuary Fund—charged according to age of member when entering the Organization		

פון סעמעטערי דעפּאַרטמענט זיינען די רייטס איצט (זיי ווערען אויך געענדערט) ווי פאָלגט:

סעמעטערי טעקס ($4.00 טעקס) — — — 25 סענט.

בלויז פאַר ניו־יאָרקער, וואָס באַלאַנגען צום סעמעטערי פון ניו־יאָרק.

פאר אנדערע ברענטשעס, ניו־יאָרקער אריינגערעכענט, זיינען די רייטס פון סעמעטערי דעפּאַרטמענט:

ספּעשעל סעמעטערי טעקס — — — — — — 03 סענט.
פיונעראל בענעפיט טעקס — — — — — — 12 סענט.
ספּעשעל פיונעראל בענעפיט טעקס— — — 05 סענט.
ספּעשעל דזשענעראל טעקס— — — — — — 01 סענט.

ווען איינער וויל אויסמאַכען א ביל, דאַרף ער נאַטירליך פריער פון אלץ אויסרעכענען די דזשענעראל דיוס לויט די טאַבעלען און צורעכענען לאָקאלע דיוס און טעקסעס, אויך דאָקטאָר און דעם פריערדיגען באַלאַנס.

א ביל פאר א מיטגליד פון 1־טער קלאַס, 20 יאָר אַלט, וועלען די דזשענעראל רייטס זיין $1.12 און $2.16, צוזאַמען $3.28. פאר א 45־יעריגען — 2.88* און $2.16, צוזאַמען $5.04.

די וואָס זיינען אריין נאָך דעם 1־טען אָקטאָבער 1920, איבער 45 יאָר אַלט, דאַרפען צאָלען 45 סענט עקסטרא פאר קראַנקען־בענעפיט און צו די רייטס דאַרף אָט די סומע צוגערעכענט ווערען.

צו די דזשענעראל רייטס דאַרפען צוגערעכענט ווערען סע־מעטערי דיוס, דאָקטאָר און לאָקאלע דיוס, אויך די באַלאַנסעס פון פריערדיגע קוואַרטאַלען.

פראַגען און ענטפערס

פ ר א ג ע

עס קומט אוים זייער אָפט ביים אויסצאָלען בענעפיט צו אַ מיטגליד אַרונטערצורעכענען די חובות, וואָס דער באַטרעפענדער איז שולדיג. ווי זאָל אַזאַ פאָרפאַל דורכגעפירט ווערען דורכ'ן קעש־בוך ? די צאָלונגען ווערען געמאַכט בלויז דורך טשעקס.

ע נ ט פ ע ר

עס איז מעגליך די זאַך דורכצופירען אויף פאַרשידענע אופנים. די איינפאַכסטע זאַך איז אויסצומאַכען דעם טשעק פאַר דער גאַנ־צער סומע פון בענעפיט און מעלדען דעם, וואָס קומט די בענעפיט, אַז ער מוז פריער איינצאָלען די חובות, איידער ער באַקומט דעם טשעק, אַנדערש וועט ער דעם טשעק ניט באַקומען. אויף אַזאַ אופן פאַרשרייבט מען דאָס, וואָס מען קריגט פון מיטגליד, אויף דער דעביט זייט פון קעש־בוך (צום קרעדיט פון מיטגליד), און דאָס, וואָס מען צאָלט אוים — אויף דער קרעדיט זייט פון קעש־בוך אין דעם קאָלום בענעפיטס, און די זאַך איז ערליידיגט. מען קען דאָס אָבער אויך טאָן אויף אַן אַנדער אופן. עס ווערען אויסגעמאַכט צוויי טשעקס, איין טשעק פאַר דער סומע, וואָס דער מיטגליד איז שולדיג, און דעם צווייטען טשעק פאַר דער איבער־געבליבענער סומע. איין טשעק בלייבט אין ברענטש און דער צווייטער ווערט איבערגעגעבען צום באַטרעפענדען מיטגליד. אויף דער הכנסה זייט פון קעש־בוך ווערט פאַרשריבען די סומע פון טשעק, וואָס עס בלייבט אין ברענטש און אויף דער הוצאה זייט — די סומע פון ביידע טשעקס. צ. ב. ש., עס קומט איינעם אַ מיט־גליד פאַר 6 וואָכען קראַנקען־בענעפיט, וואָס באַטרעפט 48 דאָלער, און דער זעלבער מיטגליד קומט 15 דאָלער ; דאַן מאַכט מען אויס צוויי טשעקס : איין טשעק פאַר 33 דאָלער און דעם צווייטען פאַר 15. פאַר דעם 15־דאָלערדיגען טשעק מוז דער סעקרעטאַר אַרויס־געבען אַ רעסיט און די סומע פאַרשרייבען אויף דער הכנסה זייט

פון קעש־בוך. אויף דער הוצאה זייט ווערט פאַרשריבען 48 דאָלער, וואָס איז אויסגעצאָלט געוואָרען פאַר בענעפיט.

פ ר אַ ג ע

אַ מיטגליד האָט איינגעצאָלט זיין ביל פאַר דיוס מיט אַ טשעק און אַזוי ווי עס טרעפט זיך, „בעונותינו הרבים", גאַנץ אָפט, האָט געפעלט געלט אין באַנק, אָדער עס האָט עפּעס אַנדערש פּאַסירט, און דער טשעק איז געקומען צוריק. דער באַנק האָט אויפגעפאָדערט דעם ברענטש אויסצוצאָלען אַן אַנדער טשעק. ווי דאָס זאָל דאָס פאַרשריבען ווערען אין די ביכער?

ע נ ט פ ע ר

דאָ דאַרפען באַטראַכט ווערען צוויי פּונקטען: ערשטענס, אַז דער טשעק, וואָס מען האָט אויסגעצאָלט דעם באַנק, איז ניט קיין „עקספּענס", נאָר אַן אויסגלייכונג („אַדזשאַסטמענט") און, צווייטענס, אַז ווען דער מיטגליד גיט אַן אַנדער טשעק, אָדער ער באַצאָלט קעש, מוז ער קריגען נאָך אַמאָל אַ רעסיט. דאָס וואָס דער מיטגליד צאָלט איין גייט דאָך אריין אין הכנסה. לאָמיר זאָגען, ער צאָלט איין 5 דאָלאַר, איז פאַראַן אין קאַסע מיט 5 דאָלער מער, אָבער ווען דער באַנק שיקט דעם טשעק צוריק, בלייבט דאָך דער טשעק ניט מער ווי אַ שטיקעל פּאַפּיר, און פון דער הכנסה איז גאָרניט געוואָרען. דעריבער „קאַנסעלט" די סומע, וואָס איז שוין פאַרשריבען אויף דער הוצאה („קרעדיט") זייט פון קעש־בוך, יענע סומע, וואָס איז שוין פאַרשריבען אויף דער הכנסה („דעביט") זייט פון קעש־בוך, און ווען דער מיטגליד צאָלט איין, צאָלט ער איין פון דאָס ניי און דעריבער מוז ער קריגען אַ נייעם רעסיט. מיט דעם אומגעקערטען טשעק דאַרף דער מיטגליד „געטשאַרדזשעט" ווערען אַנטוועדער דורך אַ „דזשוירנאַל ענטרי", אָדער, ווען עס ווערט קיין דזשוירנאַל ניט געפירט, קען די טשאַרדזש אַריינגעטראָגען ווערען גלייך אין לעדזשער. עס מוז אָבער אומבאַדינגט פאַרשטאַנען ווערען, אַז דער מיטגליד מוז קריגען אַ נייעם רעסיט. אפילו ווען דער באַנק פאָדערט ניט קיין נייעם טשעק און מאַכט אַליין

דעם טשארדזש, מוז דער טשארדזש דורכגעפירט ווערען דורכ'ן קעש־בוך. בכלל איז נייטיג צו נעמען אין אכט, אז אלע טשאר־דזשעס, וואס דער באנק מאכט פאר קליינע באלאנסעס א. אז. וו., מוזען פארשריבען ווערען אויף דער זייט פון קעש הוצאה און אלע קרעדיטס פון באנק, ווי פאר אינטערעסט, מוז פארשריבען ווערען אויף דער זייט פון קעש הכנסה. „אוידיטינג קאמיטעס" דארפען דאס באזונדערס נעמען אין אכט.

פ ר א ג ע

עס איז פריער געזאגט געווארען, אז ווען א טשעק קומט צו־ריק, דארף דערפון געמאכט ווערען א „דזשורנאל ענטרי", אויב עס ווערט געפירט א דזשורנאל. ווי זאל די „דזשורנאל ענטרי זיין?

ע נ ט פ ע ר

דער מיטגליד דארף באלאסטעט ווערען (דעביטירט ווערען) צו אלעם ערשטען און קרעדיטירט ווערען דארף די טרעזשורי, דער קעש־אקאונט. דעריבער איז ריכטיגער פאר אלץ, אז גלייך אויפ'ן פלאץ, ווען עס ווערט פארשריבען אויפ'ן קעש קרעדיט, זאל דער מיטגליד דעביטירט ווערען. נאר אזוי ווי דאס וואלט געווען פאר איינינע אומפארשטענדליך, ווייל דער טשעק, וואס ס'ווערט אויס־געצאלט פאר אן אומגעקערטען טשעק, ווערט געוויינליך אויסגע־מאכט אין נאמען פון באנק, קען מען די גאנצע זאך דורכפירען דורך דעם דזשורנאל, וואס איז באשטימט פאר אלגעמיינע זאכען, און די „דזשורנאל ענטרי" קען געמאכט ווערען אויף פאלגענדען אופן: מען דעביטירט, נאטירליך, דעם מיטגליד און מען קרעדי־טירט א פיקטיווען (אויסגעטראכטען) אקאונט, וואס הייסט „סו־ספענס" (א זאך, וואס הענגט אין דער לופטען) און ווען דער מיט־גליד צאלט ווידער איין, דארפען שוין זיינע דיוס ניט אריין אין קאלום פאר מעמבערס, ווייל דאס איז שוין אריין פריער, ווען ער האט איינגעצאלט דעם ערשטען טשעק, נאר אין קאלום „סאנ־דרים". דער מיטגליד ווערט איצט קרעדיטירט און דער אקאונט

„סוספענס“ קרעדיטירט און ממילא ווערט דער אַקאונט „סאַנדרים“ געשלאָסען.

אין אַלגעמיינעם לעדזשער וואָלט דער אַקאונט „סוספענס“ אי קרעדיטירט ווערען, אי דערנאָך דעביטירט ווערען, און וואָלט זיך פון זיך אַליין געשלאָסען.

SUSPENSE A C

Debit	Credit
To members $5.00	By members $5.00

אז מען מאַכט די ענטרים גלייך דורכ'ן קעש־בוך, פאַרשפּאָרט מען די גאַנצע טראָבעל. ווען דער טשאַרדזש ווערט געמכאַט גלייך אין לעדזשער, פאַרשפּאָרט מען אויך די טראָבעל, נאָר עס איז ניט ראַטזאַם צו מאַכען ענטרים גלייך אין לעדזשער. דער לעדזשער דינט בלויז צום פּאָסטען פון ביכער, וואו אַלץ ווערט פאַרשריבען גלייך. יעדענפאַלס מוז מען האָבען אין זינען די פאָלגענדע פונקטען: 1) דער מיטגליד מוז דעביטירט ווערען, געטשאַרדזשעט ווערען, 2) דעם צווייטען מאָל, ווען דער מיטגליד צאָלט איין, ווערט ער שוין ניט פאַרשריבען אין קאָלום „מעמבערשיפּ“, און 3), און דאָס איז דער עיקר, אז אַ צווייטער רעסיט מוז דעם מיטגליד ארויסגעגעבען ווערען.

נאַטירליך, פאַר די וואָס פירען זייערע ביכער סטריקט, לויט די כללים פון „דאָבעל ענטרי“, קען די זאַך דורכגעפירט ווערען אויף אַ בעסערען וועג. נאָר מיר דאַרפען זיך רעכענען מיט פאַקטען מער ווי מיט טעאָריע.

פ ר א ג ע

אין פיל ברענטשעס צאָלען אייניגע באַאמטע קיין דיוס ניט. ווי זאָל דאָס דורכגעפירט ווערען אין די ביכער?

ע נ ט פ ע ר

אויב די באַאמטע צאָלען קיין דיוס ניט, הייסט דאָס אז זיי

קריגען א געוויסע באַלוינונג פאַר זייער אַרבעט. אום זיך ניט צו פאַרדרייען דעם קאָפּ מיט צופיל „דזשורנאַל ענטרים" איז די לייכטסטע זאַך אויסצומאַכען א טשעק פאַר'ן באַאמטען און נאָכ-דעם ווי עס ווערט אויסגעמאַכט א רעסיט פאַר דער סומע צו דעם באַטרעפענדען, ווערט דערזעלבער טשעק צוריק דאַפּאַזיטעד.

פ ר א ג ע

ווי איז אויפ'ן לייכטסטען אופן צו פירען די חשבונות מיט'ן דזשענעראַל פאָנד און אויך מיט די אַנדערע דעפּאַרטמענטס (מע-דיקאַל און סעמעטערי) ?

ע נ ט פ ע ר

מען שטעלט צוערשט פעסט, וויפיל עס באַטרעפען די דיוס פאַר א געוויסען קוואַרטאַל. נעקסטען קוואַרטאַל רעכענט מען צו די דיוס פון די נייע מיטגלידער און מען רעכענט אַרונטער די דיוס פון געשטראָכענע.

לאָמיר אָננעמען, אַז אין קוו. 87 איז אויסגערעכענט געוואָרען, אַז דעם דזשענעראַל פאָנד קומט פאַר אַלע מיטגלידער די סומע פון $80.25. עס איז אויך פריער געווען א באַלאַנס פון $10.00. עס זיינען צוגעקומען 2 מיטגלידער אין 88-טען קוואַרטאַל: איינער 1-טע קלאַס, 20 יאָר אַלט, און נאָך איינער 2-טע קלאַס, 25 יאָר אַלט. עס האָט זיך אויך געשטראָכען איינער 1-טע קלאַס, 21 יאָר אַלט. דעם ערשטען מאָל דאַרף געגוי אויסגערעכענט ווערען, לויט די טאַבעלען פון מאָרטשוערי פאָנד, יעדער מיטגליד באַזונדער און די דיוס פאַר אַלע אַנדערע פאָנדס, לויט ווי זיי זיינען פאַר דעם באַטרעפנדען קוואַרטאַל, אַזוי ווי דיוס פאַר אַלע אַנדערע פאָנדס, ווערען געצאָלט גלייך פאַר אַלע מיטגלידער פון 1-טער, 2-טער און 4-טער קלאַס און אויך פאַר מיטגלידער פון קלאַס „איי", קען די דיוס פון די פאָנדס גע'כופל'ט (מולטיפּליצירט) ווערען אויף דער צאָל מיטגלידער פון די אויבענדערמאָנטע קלאַסען. מען דאַרף אויך צושטעלען צאָלונגען פאַר דיוס פון 3-טער קלאַס און די רעכענונג איז פאַרטיג. אָבער אום צו מאַכען ווידער די רעכענונג

אין נעקסטען קוואַרטאַל, איז ניט נייטיג נאָך אַמאָל אויסצורע־כענען אַלע מיטגלידער, נאָר צורעכענען די נייע מיטגלידער און אָרונטערעכענען די געשטראָכענע.

דיוס פאַר מיטגלידער צום דזשענעראַל אָפיס,	
87־טער קוואַרטאַל — — — — — — — —	$80.25
איין נייער מיטגליד, 20 יאָר אַלט, 1־טע קלאַס,	
מאָרטשוערי — — — — — — — — — —	1.12
איין נייער מיטגליד 25 יאָר אַלט, 1־טע קלאַס,	
מאָרטשוערי — — — — — — — — — —	1.32
צוויי מיטגלידער פאַר אַנדערע פאָנדס, צו $2.16,	4.32
	$87.01

רעכענט אַרונטער איין געשטראָכענעם		
פאַר'ן מאָרטשוערי פאָנד — — —	$1.16	
פאַר אַנדערע דיוס — — — — —	2.16	$ 3.32
		$83.69

אַלזאָ, קומט דעם אָפיס פאַר דיוס פון 88־טען	
קוואַרטאַל די סומע פון — — — — —	$83.69
א באַלאַנס פון פריער — — — — — — — —	10.00
	$93.69

מען דאַרף אַלזאָ ניט מאַכען קיין חשבונות יעדען קוואַר־טאַל פון אַלע מיטגלידער, נאָר פון די צוגעקומענע און גע־שטראָכענע. אויף דעם זעלבען אופן באַגייט מען זיך מיט אַנ־דערע דעפּאַרטמענטס.

פ ר א ג ע

פיל סעקרעטאַרען באַקלאָגען זיך, אַז עס איז שווער צו מאַכען די חבורים פון לעדזשער, ווייל די סומען גייען אין דער ברייט.

איז ניט מעגליך זיך צו באַנוצען מיט אַנדערע סאָרטען לעדזשערס, אַז מען זאָל קענען מאַכען די חשבונות אין דער לענג?

ענטפער

יע, נאַטירליך, קען אַן אַנדער לעדזשער פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון איצטיגען, ווי מיר האָבען שוין גערעדט אין דער ניינטער לעקציע. עס וואָלט געווען אַ שווערע אויפגאַבע צו געבען אַלע איינצעלהייטען, נאָר אויף דער נעקסטער זייט גיבען מיר אַ סקעלעטאָן־פאָרמע.

די קאָלומס קענען געמאַכט ווערען פאַרשידענע, נאָר דער עיקר איז, אַז דער לעדזשער איז אין דער לענג און אַם ענדע קוואַרטאַל קען מען לייכט אויפרעכענען וויפיל מיטגלידער האָבען געדאַרפט איינצאָלען און וויפיל זיי האָבען איינגעצאָלט.

דער נעקסטער קוואַרטאַל קען זיך אָנפאַנגען מיט די זעלבע קאָלומס. דער חסרון פון אַזאַ לעדזשער איז, אַז עס קען זיין גענוג בויז פאַר 3 אָדער 4 קוואַרטאַלען, די מעלות אָבער זיינען, ערשטענס, וואָס עס קען פאַרשפּאָרט ווערען פּלאַץ און, צווייטענס, קען מען מאַכען די רעכענונגען לייכטער און אויך מאַכען די סך־הכל׳ס אַם ענדע פון יעדען קוואַרטאַל.

Name	Certificate Number	Age	Date	Remarks	QU.										QU.	
					DEBIT				CREDIT							
					Balance	Dues	Local	Total	Balance	Cast	R	Expl	Amount	Total	Balance	Dues

ערקלערונג פון אייניגע טעכנישע ווערטער, וואָס קומען פאָר אין בוך

אוידיטען — בוכשטעבליך מיינט עס אויסהערען. אין אָנגענומענעם זין מיינט דאָס עקזאַמינירען, אונטערזוכען; אויסצוגעפינען אויב אַלץ וואָס ס'איז פאַרשריבען אין די ביכער איז ריכטיג און אויב אייניגע זאַכען זיינען אין גאַנצען ניט אויסגעלאָזען געוואָרען.

אוידיט — אונטערזוכונג פון דאָקומענטען און ביכער, נאָכצוזען אויב אַלץ איז אין אָרדענונג.

אינוועסטמענטס — דאָס אָפּלייגען פון אַ געוויסער סומע געלט פאַר אַ געוויסען צוועק.

אַקאַונט — רעכענונג (קאָנטאָ), צוזאַמענגעשטעלט אויף אַ סיסטעמאַ־טישען אופן.

אַסעסמענטס — אַרויפגעלייגטע צאָלונגען.

אַדזשאַסטמענט — אויסגלייכונג פון רעכענונגען.

ארידזשינאַל ענטרי — די ערשטע איינשרייבונג. ביכער פון ארידזשי־נאל ענטרי מיינען אַזעלכע ביכער, וואו עס ווערען געמאַכט די ערשטע (אָריגינעלע) איינשרייבונגען.

אַדמיניסטריישאַן פאָנד — געלט וואָס דעקט די קאָסטען פון פאַר־וואַלטונג.

אָרגאַניזיישאַן פאָנד — געלט וואָס ווערט געקליבען פון מיטגלידער פאַר אַ ספּעציעלען פאָנד צו פאַרגרעסערען די אָרגאַניזאַציע.

אינסטאַלירען — איינשטעלען, ברענגען אַ זאַך אין פולער אָרדענונג.

אַפידייוויט — אַ געשריבענע שבועה.

באָנד — אַ וועקסעל פאַר אַ לענגערער צייט.

באַלאַנס — אויסגלייכונג. די סומע וואָס פעלט אום אַ רעכענונג זאָל זיך אויסגלייכען.

באַלאַנס סטייטמענט — אַ סטייטמענט וואָס גיט אָן גענוי פאַרמעגען און שולדען.

בענעפיט — אַ סומע געלט וואָס איינער קריגט אין דער צייט פון אַ נויט.

בענעפישיארי — דער פאַר וועמענס טובה די געלט איז באַשטימט.

גראָס — די סומע וואָס אַנטהאַלט די חשבונות אויף אַ ניט־פאַרטיגען אופן.

דעפּיציט — דאָס וואָס פעלט. קעש דעפּיציט מיינט: עס פעלט געלט אין קאַסע, אָדער די הוצאה איז גרעסער ווי די הכנסה. קאַפּיטאַל דע־פּיציט מיינט: עס פעלט געלט פון דער סומע וואָס מען האָט אינ־וועסטעט.

דעביט — אַ באַלאַסטונג מיט אַ חוב.

דעביטירען — באַלאַסטען אַ רעכענונג (קאָנטאָ) פאַר דאָס וואָס עס ווערט גענומען.

דאַבל ענטרי — דאָפּעלטע בוכפירונג. אַ סיסטעם אין בוכפירונג, וואו עס פאָדערט זיך, אַז אין יעדער זאַך וואָס ס'ווערט פאַרשריבען זאָל אָנגעגעבען ווערען דער דעביטאָר און דער קרעדיטאָר. די רעכענונג וואָס האָט גענומען און די רעכענונג וואָס האָט געגעבען.

דזשוירנאַל — אַ טאָג־בוך גלייך צו פאַרשרייבען אַלע רעכענונגען אין דעם סדר ווי זיי קומען פאָר.

דזשוירנעליזען אין „דאַבל ענטרי" מיינט אויסצוגעפינען דעם דעבי־טאָר און דעם קרעדיטאָר.

דיוס — די צאָלונגען וואָס עס קומט פון מיטגלידער.

דופּליקייט — אַ צווייטע קאָפּיע פון אַ דאָקומענט.

דיסבוירסמענטס — אויסגאַבען פון געלט.

דעפּאַטמענט — אָפּטיילונג.

דיסקאַונט — אַרונטעררעכענען געלט פון חוב פאַר אינטערעסט.

וואַוטשער — אַ באַווייז אַז אַ געוויסע הוצאה איז געמאַכט געוואָרען.

ווייוועַר — אַן אָפּזאָג פון אַ פּריווילעגיע.

טרייעל באַלאַנס — אַ פּראָבע־באַלאַנס.

טריפּליקייט — אַ דריטע קאָפּיע פון אַ דאָקומענט.

טראַנספער — איבערגאַנג פון איין פּלאַץ צום צווייטען.

טראַסטי — איינער וועלכער איז אַ ממונה איבער אַ פאָנד.

טעקסעס — אַרויפגעצוואונגענע אָפּצאָלונגען.

לעדזשער — אַ בוך אין וועלכען אַלץ ווערט איבערגעטראָגען צו מאַכען דעם סך־הכל. אַ בוך פון סך־הכל'ס (הויפּטבוך).

לייאַבּיליטיס — שולדען פאַר וועלכע מען איז פאַראַנטוואָרטליך (פּאַ־סיווא).

מעמבער עט לאַרדזש — אַ מיטגליד וואָס געהערט ניט צו קיין בראַנטש, נאָר צו דער אַלגעמיינער אָרגאַניזאַציע.

מאַרטשוערי — געלט וואָס ווערט געקליבען פון מיטגלידער צו פאַר־

זאָרגען אַז די אינשורענס אין טויטען־פאַלען זאָל קענען געדעקט ווערען.

מאַרטשוערי טייבעלס — טאַבעלען אין וועלכע עס ווערען אויסגערעכענט דער דורכשניטליכער לעבען פון אַ מענשען.

נעט — ריין פון אַלע באַלאַסטונגען.

נעט קאַפּיטאַל — דער ריינער, אמת'ער קאַפּיטאַל.

נעט פּראָפיט — דער פּראָפיט פון וועלכען קיין זאַך דאַרף שוין ניט אַרונטערגערעכענט ווערען.

נאָמיטאַל — בלויז אין נאָמען, ניט קיין ממשות'דיגער.

נאָמינאַל אַקאַונט — אַ רעכענונג פון זאַכען וועלכע מיר קענען בלויז באַגרייפען מיט אונזער שכל, אָבער ניט מיט אונזערע חושים. אַ געווין און פאַרלוסט רעכענונג.

סוספּענס אַקאַונט — אַ רעכענונג וואָס איז נאָך ניט פעסטגעשטעלט געוואָרען. אַ זאַך וואָס הענגט אין דער לופטען.

סוירפּלוס — אַן איבערשוס. אַ סומע וואָס איז צוגעוואַקסען. „סוירפּלוס וואַליו" מיינט אַ צוגעקומענער ווערט (עס ווערט באַשאַפען דורך אַרבעט). סוירפּלוס קאַפּיטאַל — צוגעוואַקסענער קאַפּיטאַל.

סינגעל ענטרי — איינפאַכע בוכפירונג, וואו יעדע זאַך ווערט בלויז איינמאָל פאַרשריבען.

סטייטמענט — אַ סיסטעמאַטישע צוזאַמענשטעלונג פון רעכענונגען. (אינקאַם סטייטמענט מיינט אַ רעכענונג פון איינקונפטען און פאַרלוסטען.

ענטרי — איינשרייבונג אין בוך.

עווערעדזש — דורכשניטליך.

עסעטס — זאַכען וואָס מיר פאַרמעגען (אַקטיווא).

פאָליאָ — אַ זייט אין אַ בוך וואָס האָט אַ נומער.

פּראָטוירנאַל רייטס — צאָלונגען לויט נאָך די יאָרען פון אַריינגעקומענע מיטגלידער, וואָס זיינען אויסגעאַרבייט געוואָרען אויף אַ קאָנגרעס פון ברידערליכע פאַראיינען.

פּראָפיט און לאָס — געווין און פאַרלוסט.

פּאָוסטען — איבערטראָגען פון איין בוך אין צווייטען.

קאָלום — אַן עמיד פון אַ בוך אָדער צייטונג.

קעש־בוך — אַ דזשוירנאַל צו פאַרשרייבען אַלע געלט־איינגאַמען און אויסגאַבען.

קרעדיטירען — אַרונטערנעמען דעם לאַסט פון אַ חוב (פאַר'ן געבען).

קרעדיט — אַנטלאַסטונג.

רעקאָרד — אַ צייכען וואָס ווערט געמאַכט אום אַ געוויסער פאַל זאָל ניט פאַרגעסען ווערען (דורך פאַרשרייבען א. אַז. וו.)

רעאימבוירסען — צוריק אויסצאָלען.